STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01032

A STEZHKE

M. M. Shaffir

Permanent preservation of this book was made possible by Judge David & Hannah Lippert

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. מ. שאַפּיר

אַ סטעזשקע

מאָנטרעאַל, קאַנאַדע
1940

פריידען — מיט ליבשאַפט

אַזוי־אָ

אין די שטילע נעסטן
אין טאָל פון מיין געמיט
~~שלומערן~~ יונגע טויבן — דרימלען
די טענער פון מיין ליד.

זאָל איך אפשר וועקן
דעם דרימלענדיקן קלאַנג ?
טויבן, מיינע טויבן,
עפּעם טוט מיר באַנג . . .

ס׳איז מיר

ס׳איז מיר אַזוי ליכטיק,
ווי דעם פייגעלע אין זיין זינגען,
ווי דעם וואַסערל אין זיין פּליעסקען,
ווי דעם ווינטעלע אין זיין פליען,
ווי דעם קאָרן-בלימל אין זיין בליען . . .

ס׳איז מיר אַזוי פינצטער,
ווי דער ווערבע אין איר וויינען,
ווי דעם לעמעלע אין זיין בלאָנדזען,
ווי דער סאָווע אין איר קלאָגן,
ווי דעם חשוון-רעגן אין זיין קדיש-זאָגן . . .

כ׳בין אַ יונגער וואַנדערער

כ׳בין אַ יונגער וואַנדערער
אף אַן אַלטן שליאַך.
קוק איך אף מיין מזל —
וויין איך און איך לאַך . . .

כ׳היל מיין גוף אין טראַנטעס,
כ׳נעכטיק מיט די מייז,
און פון בערגלעך אָפּפאַל
קלויב איך קרישקעס שפּייז.

נאָר דאָס טייכל זילבערט,
און דער הימל בלויט
אין דער טיפער טאָרבע
אף מיין הוילער הויט . . .

און די שקיעה פלאַקערט,
און דער מאָרגן בלענדט
אין דער טיפער טאָרבע
אף מיין מידער לענד . . .

כ׳בין אַ יונגער וואַנדערער
אף אַן אַלטן שליאַך.
קוק איך אף מיין מזל —
וויין איך און איך לאַך . . .

ווער ס׳וויל גאָלד און זילבער
און אסך דערצו —
איך, דער נע-ונדניק —
בלויז אַ ווינקל רו.

און פון מיין שטילן ווינקל
זאָל אָפּן זיין אַ טיר
אין זון-צעבלענדטן הפקר,
מיט בלוי און גרין באַצירט.

און טעג — ווי ליכטיקע זעגלען
פון נעכט — פון שיפן טרוים . . .
און יאָרן — צעבליטע צווייגן
פון אַ טיף-פאַרוואָרצלטן בוים . . .

וואָס כ׳האָב ליב

פאָווידל מיט מילך,
לעקעכלעך מיט מאָן,
און באַגין דעם אָנזאָג —
דאָס קרייען פונם האָן . . .

די בלויע פלוימען-צאַרטקייט,
דעם שטילן עפּל-פלאָם,
און דעם אין-סוף צויבער
פונם שטערן-ים.

די גינגאָלדענע שמייכלען
פון אַ פּיצל קינד,
און די טיפע גריוווע
פונם פרילינג-ווינט.

א שוועלבעלע אין פליען...
ת״נך און יונגע נים,
און א יידיש פאָלקס-ליד,
וואָס עלטער — בעסער איז.

פ אַ ר מ אָ ג

אַף מיינע פינגער
ליגט
דאָס פייערדיקע גאָלד פון פריען טאָג
און מינעט זיך און וויגט . . .
(דער זינגער
פרייט זיך ווי א קינד מיט זיין באַשיידענעם פאַרמאָג . . .)
און אין אַ טאַטע־הויז אַן אַלטן
גוט איז וווינען און עס היטן
מיט אַ גלויבן מיט אַן אויפגעבליטן,
א צעשטראַלטן . . .
(כאָטש די יאָרן
זענען ביטערע מיט הונגער־צאָרן,
און די איינגעזאַמלטע מעת־לעתן שפּאָרן־זיך
ווי טייכן, ווי פאַרמאַכטע . . .)
דינער צויבער, אַ, פאַרשמאַכטער,
פון מיין טאַטנס ניגון ! . . .
אַ, צעשפּילטע טעמ׳ען,
וואָס האָבן זיך דורכגעזיגן
דורך די לידער פון מיין מאַמען!...

* * *

מיט מיין טאַטנס ניגונס צויבער־ווײַנען,
מיט מיין מאַמעס לידער־שײַנען
מאַך איך מחיצה רונד־אַרום דער פייער־צונג פון מיין פאַרצווייפלונג —
אַז זי זאָל מיך נישט פאַרלענדן . . .
שיץ איך פון מיין האָפענונג דאָס פלעמל —
בייזע ווינטן פּאַטשן אים די לענדן . . .
טוליע איך צום האַרץ די טויב, וואָס כ׳האָב שוין וויפל מאָל ארויסגעשיקט,
און זי — זי קומט צוריק,
צוריקגעפלויגן
אַ צעוווּנדיקטע און מיט פאַרשעמטע אויגן . . .

* * *

יונגע ווינטלעך וויקלען זיך אַף מיינע זוימען,
ערגעץ וואַרט א שכר פאַר מיינע טרוימען . . .

אליין . . .

כ׳בין אַליין דער וועכטער,
און אַליין דער טויער,
צויבער-קלאַנגען צאַרטע
צימבלען אין מיין אויער.

כ׳בין אַליין דער וועכטער,
און אליין די טיר.
אנונגען באַגילדטע
פינטלען טיף אין מיר.

ס׳נעפּלט אין מיר טרויער,
ס׳זוניקט אין מיר פרייד —
וויפל ס׳נעמט אַ רגע,
ווי אן אויגנבליק פארגייט . . .

כ׳האַלט דעם טויער אָפן —
זאָל די פרייד אַריין;
טריפט די פרייד אין טראָפּנס
און ס׳פליצט די פיין . . .

דאָס וואָרט מיינס

אַזויווי אַ שוואַלבן-פּאָר אַ פאַרליבטס
ציליעט דעם רוים מיין געפיל — אַ רינג . . .
דאָס וואָרט מיינס פלאַטערט, פלאַטערט-נאָך,
אַזויווי אַ קראַנקער שמעטערלינג.

מיין וואָרט איז שטיל און שטאַמלדיק,
די לעפצן מיינע זענען שטאַר,
זיי גליווערן ווי אין אַ פראָסט —
און אין מיין האַרץ איז הייסער זשאַר.

וואָס טויגן מיר די שטאַמל-רייד —
צי שטילן זיי דען מיין געוויין ?
די אויגן מיינע — פול געשריי,
מיין מויל — די שטומקייט פון אַ שטיין . . .

איך גיי אין טרויער איינגעהילט,
און מיין האַרץ איז פול געכליפּ —
דאָס וואָרט מיינס, אַ צעפליקטע רויז,
וויינט אַף מיין פאַרשטאַרטער ליפּ . . .

מיין וואָרט איז אַ פויגל אין פלאַטער,
מיין בענקשאַפט — אַ פאַרווונדיקטע טויב.
מיט פאַרטיַיעטע אויגן
קושט דעם הימל מיין שויב . . .

דער הימל איז אַ גילדענער הענג-לייכטער
איבערן הויכן געצעלט פון דער נאַכט.
זיינע פולע טייכן שטערן
שפּיגלען זיך אין מיר פאַרשמאַכט.

דאָס ליד גייט-אום אין מיר
אַזויווי דער גאַנג פון די שטערן.
אפשר וועט דערפון
מיין ווונד פאַרצויגן ווערן.

פון די צווייגן קאַפּעט אָוונט,
אַ ווינטל וויגט מיך אום.
וויג-איין, אַ, כאָטש אף אַ רגע
פון מיין ווונד די בלוטיקע בלום.

נ ע ם א ר י י ן . . .

נעם-אריין אין דיין סימפאָניע
מיינע שטאַמל-רייד.
כ׳האָב נישט קיין אָרגל-טענער
און כ׳האָב נישט קיין טרומייט —
סיידן דיר פעלט צום רומל
אַ פארשעמטע פלייט.

אַ וואָג מיט צוויי אומרו-שאָלן
צאַפּלט אין מיין געמיט:
גרויע פעדים טרויער
ציליען-דורך מיין ליד
און מיינע העלע טרעלן
אױף ליבע און אױף פריד.

פון אונטער וואָגל-שטויבן
קומט מיין אויסגעשריי.
טרויער-שאָטנס פאַלן
אױף מיין לידער-שניי.
דעם מענטשנס אלע פיינען —
ווי טוען זיי מיר וויי!

אַ געצילטער שטיין-שפּיץ
אין סאַמע קנעכל-ביין —
אזוי האָט מיין הארץ געטראָפן
אַ שאַרפער ווייטיק-שטיין . . .
נעם-אריין אין דיין סימפאָניע
מיין פלייטס פאַרשעמט געוויין . . .

מיין ליד

מיין ליד איז נאָר אַ פונקען-שפּריי
פונם פייער, וואָס ברענט אין מיר.
מיין ליד איז דער גרינגער, מינוטיקער שוים
פונם ים, וואָס ברויזט אין מיר.

מיין ליד איז נאָר דאָס שטאַמלען,
דער שטילער אָך פונם וויינען אין מיר.
ס׳צאַפּלט בלויז אין מיין ליד דער אָפּהילך
פון די געשרייען, וואָס אין מיר.

ס׳קען די נאַכט נישט היילן
די וואונדן מיינע פון באַטאָג.
ס׳קען מיין ליד נישט שטילן
אין מיר די טרויער-קלאָג.

וואָלט איך זיין אַ פּאַסטוך

וואָלט איך זיין אַ פּאַסטוך
און געפּאַשעט רינד —
וואָלט איך זיך געחברט
מיטן באַרג און מיטן ווינט.

וואָלט איך זיין אַ ספּלאַוווניק
און געטריבן וואַלד —
אַך, וואָלט איך געזונגען!
אַך, וואָלט איך געשאַלט!

נאָר איך בין אַ ציגיינער
און פּיר-אום אַ בער —
און אַף די מאַרקן טאַנצט ער
אַ מאָדנעם אומעט-שער...

איבער די געמאַרקן
שלעפּ איך מיך אַרום —
אַזויווי אַ פאַרמשפּטער,
מידערהייט און שטום...

דער בער גייט-נאָך פאַראומערט,
אין דער נאָז אַ רינג —
ווי אָסיען-רעגן פאַלן אַף מיר
די מוטנע קייטן-קלינג.

און אַז דער בער נעמט טאַנצן —
טאַנץ איך מיט אים מיט...
אָך, ווי בריען אין מיין לייב
די טיפע קייטן-שניט!

איך ווער אוים ציגיינער
און בין דער בער אַליין —
און גיי-נאָך פאַראומערט
מיט אַ שווער געוויין...

אַ שוועלבעלע טוקט זיך פֿליענדיק
אין כוואַליעס גאָלדענעם קאָרן;
נאָר איך גײ־אום מיט טעמפּע טריט —
אַז ווײ צו מײנע יאָרן!

אַ שוועלבעלע עפֿנט דאָס פּיסקעלע —
שיטן זיך טרעלן ווי ליכטיקע פּערל;
נאָר איך, אַז איך עפֿן־אויף מײַן מויל —
האָב איך נישט ווער ס׳זאָל מיך הערן.

אַ שוועלבעלעס ליד איז ציכטיק־בלוי
און רופֿט־אַרויס אַ טרער;
נאָר איך — מײַן ליד איז אומעטיק
אַזוי ווי אַ קראַנקער בער.

קי

פאַשען זיך קי אף מיינע פעלדער,
טיף איז מיין נשמה-טאָל.
איך גיי זיי נאָך מיט ליבשאַפט
אין חלום פון באַנאַכט אמאָל . . .

זיי ציען אף די גראָזן
פעדים סלינע — פעט און זים.
ווי פולע לאָגלען הענגען-אַראָפּ
די אייטערם צווישן זייערע פים.

(אַמאָל האָט אין חלום מיין ליפּ באַרירט
די וואַרעמע בייכער פון די קי.
געבענטשט זאָל זיין די העלע זעונג
פון מיין דיכטונגס סאמע-פרי . . .)

מילד-אויגיקע און שטילע
שפּאַנען אין מיר פאַרביי די קי.
ס'וואקסט אין מיר פון זייער גאַנג
אַ וואונדערלעך געבלי . . .

ד אָ ר ת

אַ גוט־מאָרגן אין דאָרף

דאָס דאָרף — אין טאָל צעשפּרענקלט —
וואַשט זיך אוים די אויגן אין אַ טייכל הימל־בלוי.
דאָס דאָרף איז ליים און שטרוי.

פון אונטער אַ כאַטע־דאַשעק
גיט אַ פלי ארוים א שוואַלב . . .
די קו אין שטאַל מערוקעט נאָך איר קאַלב . . .

אף א דעכל־האָרב
דערוואַכט דאָס בושל־נעסט.
די מאַמע פליט־אַוועק צום זומפ נאָך קעסט.

אף א דרענגל פון א פליטל,
פון אַ ווערבע־ריטקעלעך־געשפּין,
שטעקט אן ערדענער לאַדין.

אַ וואָגן נייע פעסער
פאָרט־פאַרביי אין שטאָט אריין.
דאָס פרישע האָלץ פאַרשמעקט די לופט מיט פיכטן־ווייַן.

אַ פויער שארפט די קאָסע,
די קאָסע איז דער פידל, און דער שטיין — דער סמיק.
די טענער סקריפען: פויער־גליק . . .

ער ווישט זיך מיט אן ארבל העמד דעם שטערן.
פון גראָזן־בלוט איז פייכט דער קאָסעס בלאַנק.
ער זעט שוין סטויגן אין געדאַנק . . .

שטייט אַן אָרים קלויסטערל,
ווו ס׳שניידן זיך די וועגן.
דעם וואַנדערער דעם מידן
גייט עס שטיל אַקעגן . . .

אינם איינגעדאַרטן הייפל
יעזוס הענגט און דומעט —
אפשר וועט זיך ווער דערמאנען
מיט א תפילה קומען.

ער איז מיד. ס׳איז האַלבער טאָג.
די גלידער זיינע שמאַכטן.
אף זיין צעפלאָכטענער דערנער-קרוין [illegible] —
אַ וואַראָנע א פארטראכטע.

אף די קלויסטערל-טרעפּלעל קלאָגט
אַ בעטלערקע א בלינדע:
שענקט מיר, שענקט מיר א נדבה,
גוטע מענטשן-קינדער.

* * *

פֿאַרנאַכט. די בעטלערקע הינקט אהיים
מיט [illegible] קופּערנע דריי גראָשן.
דער וואראָנעס קראַקן האָט איר געזאָגט,
אז דער טאָג האָט זיך אויסגעלאָשן.

קוקט דאָס קלויסטערל איר נאָך,
ביז זי ווערט פֿאַרשווונדן.
דער מערב-הימל פֿאַרבט-איבער
אפן יעזוס-האַלץ די ווונדן . . .

א דאָרף אין בוקאָווינע

די צערקווע שטייט אינמיטן דאָרף,
דאָס קרעטשמעלע — אויך אינמיטן.
דאָ פירט מען אפילו זומער
דעם טויטן אַף א שליטן.*)

דעם שליטן שלעפּן צוויי אָקסן
און סלינען דערביי — אַ שרעק,
און פאָכען מיט די וויידלען
די פליגן פון זיך אַוועק.

די שליטן-אייזנס קוויטשען
און בייסן זיך איין אין שטיין.
די קלאָגערן גייט-נאָך פון הינטן
מיט א גרויס געוויין.

דער פּאָפּ איז אויסגעפרעסן,
צו א מת דערלעגט ער ניט.
ברוין-געלע צוקער-געבעקסן
און קוילימשן טראָגט מען מיט.

דאָס דערפל ליגט צעיאָטערט
אונטער הימל און ווינט.
און אזויווי אַף אַ טויטן
וואָיען ביינאַכט די הינט . . .

---

*) א מנהג אזוא

דאָס פויערל

דער ברויזן נחלה איז שוין פאַרזייט
מיט האָבער און מיט קאָרן.
עסט דאָס פויערל ביז צום שניט
שטילע פּיין און צאָרן...

קוקט דאָס פויערל פרום אַרויס
פון זיין גרויער כאַטע:
„היט אונדז אָפּ פון טריקעניש
און פון הונגער, טאַטע״.

קומען וואָכן אָן פון ווייט,
דאַרשטיקע און דאַרע,
אָן אַ וואָלקנדל אַ פייכטן,
אָן אַ רעגן-שפּאַרע.

קומען וואָכן אָן פון ווייט,
בייזע וועלף אַ טשאַטע,
באַפאַלן זיי דאָס פויערל
און וואַרגן אים אין כאַטע.

און אַז ס׳קומט די צייט פון שניט,
באַוויינט ער זיך די יאָרן —
וווּ וועט ער נעמען איצט אַף ברויט,
וווּ האָבער און וווּ קאָרן?

און אַז ס׳וויינט דאָס פויערל,
וויינט-מיט זיין ווייב און קינד;
ס׳וויינט אין קיך דער פּריפּעטשיק
און אין שטאַל — זיין רינד...

אַ שריפה אין דאָרף

דאָס דאָרף איז שיטער אויסגעזייט.
דער דלות, דער געירשעטער — די כאַטעס מיט די שטאַלן —
שפּרענקלט זיך אַראָפּ אַ טאָל,
אַרויף אַ באַרג.
אינמיטן דאָרף די צערקווע שטייט,
מיט אַן אויסגעקרומטן קאַרק,
און אָף אַ דרענגל אָנגעשפּאַרט —
זי זאָל נישט פאַלן.

דאָס קרעטשמעלע שטייט אויך אינמיטן.
נאָר אַווו עס זאָל נישט שטיין,
איז עס פאַרזאָרגט מיט לייזונג.
פון די ווייטסטע כאַטעס
קומט מען מיטן ווייב צו גיין
און מ׳פאַרזעצט ביים קרעטשמעלע די שמאַטעס
פאַר אַ פלעשל בראַנפן, פאַר אַ גלעזל.
וואַהין זאָל זיך אַ פויערל דען גיין,
אַז ס׳טרעט די נויט אים צו צום ביין ?
אין קרעטשמעלע — נו יאָ,
זיך כאַטש דעם האַלדז באַנעצן.
(דאַנקען גאָט, נאָך דאָ
אַ מלבוש צו פאַרזעצן . . .)

א שריפה האָט אָפּגעוואַרט אינמיטן נאַכט די שטילסטע שטיל
און זיך געוואָרפן אַף א כאַטע.
אפן סאַמעטענעם הימל
האָט געבלאָנדזעט דער לבנה-טעלער אַ שטשערבאַטער.
האָט די שריפה זיך צעקנאַקט
און אויפגעשטורכעט פונם דרימל
מיטאַמאָל
דאָס גאַנצע דאָרף. (דער טאָל
האָט זיך באַוויזן דורך אַ קינדערישער, בלויער בריל . . .)

אַ נאַקעטער האָט מיט צוויי לאַנגע הענט
געקראַצט די ווענט
פון א פּאראומערט קערניטשקעלע, העט-אוועק פון טראַקט.
מיט עמערס לײמיק וואַסער האָט מען בייז דערלאַנגט דער
שריפה אין די זייטן,
פליוך נאָך פליוך.
פון ווייטנס
האָט געקלאָגט דער ברונעם-דראָנג . . .
די צערקווע האָט מיט אַלע כוחות זיך גערראַפּעט:
גלאָנג! גלין-גלאָנג!
די שכינותדיקע דעכער האָבן שווער געסאַפּעט.

פּלוצים האָט אַ קוויטש אַרויסגעפּלאַטערט
פונם פייער, זיך געראַנגלט, זיך געבעטן — — —
און איז אַנטשוויגן,
ווי געבליבן ליגן
טויט-פאַרמאַטערט . . .
אין די אויגן האָבן א ברי געטאָן די טרערן . . .
און אין דער הויך,
העכער פונם רויך,
האָט געצאַפּלט און זיך אויסגעלאָשן א שטערן . . .

אַ פארנאַכט אין דאָרף

קי אַ טשערעדע גייט פון דער פאַשע.
זיי שטעלן זאַטע, שמעקעדיקע טריט.
ס'הוידען זיך די ווערבע-צווייגן מיט.

די ערד איז אויפגעיוירן ווי אַף הייוון.
ס'איז נאָך אַ לאַנג-דערוואַרטן רעגן-גאָס.
פון נאָענטן וואַלד קלינגט-אָפ אַ יעגער-שאָס.

די קי-פיס קנעטן-אויס די בלאָטע-טייגן.
דער פאַסטוך-יונג גייט אָנגעטאָן אַ זאַק,
אַן אויסגעווייקטן פונם רעגן-שלאַק.

די רעגן-טראָפן-שנירלעך אַף די צווייגן
ציטערן פאַרן אָוונט-ווינטס ריר-אָן.
די זון פאַרגייט — אַ פלאַקערדיקער שפאָן.

פון אַ כאַטע הערט זיך אַ געפילדער.
פון אַ קוימען גייט אַ דינער רויך.
ס'דונערט ערגעץ ווייט און העט-העט הויך.

אַ פויגל אַף אַ בוים האָט זיך צעפלאַטערט.
און נאָך זיין פליגל-קלאַפ איז מיטאמאָל
די נאַכט אַראָפגעפאַלן אַפן טאָל.

אַף די האָריזאָנטן בליצט מיט אומעט.
אַ רעגן פאַלט — פאַוואָליע... שטיל... פאַרטראַכט...:
ס'עט אַזוי רעגענען אַ גאַנצע נאַכט.

אסיען־פעלדער

וואנדער-פייגל — אין אן איינסער — ציליען-דורך די הויך.
שטאָפּל-שייטערם קיסנען אַף די פעלדער-נאָפּלען.
צו די מעזשעם ציען שלייערן רויך.

ערגעץ אין אַ בערגל פריסיק דינצט זיך אַ פּאַפּשוי.
ווינטעלעך צעטראָגן זיינע זיסע ווירצן,
צעשענקען זיי אין טאָל, אין מוטנעם סלוי...

צו אַ ביימל טוליעט-זיך אַן אומגעפאַלענער פלויט.
אַ טעלעטשקעלע בלאָנקעט-אום, באַניוכעט
די פּיסלעך די פאַרבליבענע פון הייפטלעך קרויט.

אַ נעפל-רעגנדל באַטריפט די ערד.
מ׳האָט זי אַנטבלויזט און ס׳איז איר קאַלט... זי כליפּעט...
אַף אירע ברוסטן דרימלען רויכן — ווייסע בערד...

פון ערגעץ-ווו יאָגט-אָן אַ טשאַטע הינט
פאַרברודיקטע — מ׳יאָגט זיך נאָך אַ צויקע.
די פעלן זייערע שויבערן זיך אין ווינט.

אסיען פאַרנאַכט

דער אָסיען בלאָזט אין טאָל
ווי דורך אַ קראַנקער פלייט.
דער וואַלד איז אַ טרויער-האַרף,
וואָס כליפּעט און באַלייט.

איבער די ביימער-סטרונעס גייט
די האַנט פונם ווינט פרטראַכט.
די שקיעה בלוטיקט-אוים
אינם שוים פון דער נאַכט.

דורך דער לאָנקע אַ טייכל גייט —
כ׳האָב דיך ליב פון קליינערהייט.
גייט און גייט און בלייבט נישט שטיין —
כ׳האָב דיך ליב, ווייל דו ביסט שיין.

וואַקסטביים ברעג אַ באַרן-בוים —
אַזויווי איך ביי דיר אין טרוים;
שפיגלט זיך אין טייכלס בלוי —
פונקט ווי איך אין דיר אַזוי...

און פאַרביי אַ פויגל פליט
און אַ זיסן טרעל פאַרציט —
דאָס נעמט ער מיט אַ גרוס פאַר דיר
פון מיין ליבשאַפט און פון מיר...

לאַסטשעט מיך אַ דווינעלע
פונם באַרג אַקעגן.
וויפל וואָכן איז שוין,
זינט כ׳האָב דיך נישט באַגעגנט.

כ׳האָב געהערט, ס׳חברט זיך
צו דיר אַן אַנדער מיידל.
יענעם זאָל אַן אומגליק טרעפן,
ווער ס׳וויל אונדז צעשיידן.

דער פּאַפּשוי איז שוין אַרויס,
און דער קאָרן אויכעט.
קום, אַנדריי, צוריק צו גיין —
כ׳בין דיר אַלצדינג מוחל.

קום באַנאַכט צום טייכל צו —
דאָרטן זעט נישט קיינער,
נאָר די שטערן טוקן זיך
און די ווערבעס וויינען.

כ׳על דיר עפענען מיין האַרץ,
כ׳קען עס מער נישט טראָגן.
בייזע צינגער טראַכטן-אויס —
הער נישט וואָס זיי זאָגן.

כ׳האָב מיין מאַמען אַלץ דערציילט —
מעגסט זי איבערפרעגן.
כ׳וויל אַזוי צו וועסנע-צייט
שוין אַ יינגל זייגן.

כ׳וועל אים מיטנעמען אין פעלד.
כ׳וועל דיר העלפן גראָבן.
וויפל קינדערלעך דו ווילסט,
וועל איך זיי דיר האָבן.

דווינע, דווינע, דווינעלע,
טוסט מיך גאַנץ פאַרציקן.
כ׳וועל אַ בינטל ליבע-גראָז
היינט אַנדרייען שיקן...

דוינע, דוינע, טייער ליד,
דיך צו זינגען כ׳וועל ניט מיד.
דוינע — פייער, דוינע — פלאַם,
אומעט-כוואַליעס, ווייען-ים...

קושט די פרילינג-זון דאָס פעלד —
האָב איך קיינעם אַף דער וועלט,
חוץ דעם דוינע-פייפעלע,
חוץ דעם כישוף-רייפעלע...

קומט דער ליבער זומער אָן,
ברענט אין פעלד דער רויטער מאָן,
צייטיקט זיך אין פעלד דאָס ברויט,
וואַקסט ביי מיר אין שטוב די נויט...
דאָס ברויט אין פעלד איז ניט פאַר מיר,
נאָר פאַרן פריץ און באַנקיר.
וויינען קינדער פאַר מיין טיר,
וויינט די דוינע גלייך מיט מיר...

און אַז ס׳בילט דער אָסיען-ווינט
ווי אַ טשאַטע וויסטע הינט,
און מיין כאַטע און מיין וועלט
ציטערן פאַר שרעק און קעלט —
צערטלט מיך דער דוינע-שאַל,
עפנט זיך מיין טרערן-קוואַל;
האָב איך דעמאָלט גאָרנישט מער,
חוץ דער דוינע און מיין טרער...

ברענט דער פראָסט אין דאָרף ווי פייער —
איז די דוינע טאָפּלט-טייער
זינג איך דעמאָלט דוינעס צוויי,
יאָמער-אוים מיין וויי און ווי.

זינג איך דעמאָלט דוינעם פיר,
כליפּעט-צו דאָס האַרץ אין מיר.
זינג איך דעמאָלט אָף אַמאָל
דוינעם, דוינעם, אָן אַ צאָל...

* * *

קומט די האַלבע נאַכט צו גיין
מיט קאַשמאַר און מיט געוויין.
יאָגט אַ ווינט אָן פונם וואַלד,
טויזנט יאָרן איז ער אַלט.
קלאַפּט ער אָן ביי מיר אין טיר.
„וויכער, וואָס דערציילסטו מיר?"
און דער וויכער ענטפערט מיר:
„הער, אַ נייעם ברענג איך דיר...
פון די דערפער פון אַרום
האָסטו נישט געהערט דעם ברום?..."
„כ׳האָב געהערט דעם ברום פון וויט —
זאָג זשע מיר, וואָס דאָס באַטייט."

פּאַטשט דער ווינט דאָס דאַרע שטרוי
און ער זשורזשעט אָט-אַזוי:
„פויער, ס׳האָט גענוג גענאַרט
דיך דער פּריץ, דער באָיאַר.
דו ,אַנדריי, און דו ,שטעפאַן,
ברויט איז דאָך גענוג פאַראַן —
ס׳פּלאַצט דער שפּייכלער ביים באָיאַר,
ס׳פּלאַצט פון תבואה זיין האַמבאַר.
דער באָיאַר איז רייך און שלעכט
און ער הערט נישט אייער קרעכץ.
אייער קרעכץ מיט גאַל געמישט
אַרט דעם זאַטן פּריץ נישט.
פאַלן עופעלעך ווי פליגן —
שטייען ליידיקע די וויגן...

פאַלן קינדערלעך ווי שטרוי —
שניידט דער מאַמעס האַרץ אַזוי...
פויער, האָסט געהערט דעם ברום
פון די דערפער פון אַרום?
דאָרטן קומט מען זיך צענויף
און מ׳שפּאַנט צום פּריצס הויף
און מ׳טיילט זיך ערלעך איין
מיטן ווייץ און מיטן וויין...״

און דער וויכער איז אַוועק,
איז צוריק צו זיך אין העק,
און די נאַכט האָט צוגעדעקט
וואָס דער ווינט האָט מיר אַנטפּלעקט...
און וואו דער ווינט האָט נישט דערזאָגט,
האָט אין שייבל בלוי געטאָגט,
און אין אַ רגע, רגעס צוויי
האָט דער האָן געטאָן אַ קריי...

דוינע, טייער ליד מיינס דו,
ס׳איז אַוועק פון מיר די רו
זינט דער ווינט האָט מיך געוועקט
און האָט מיר דעם סוד אַנטפּלעקט...
איך גיי-אום מיט שווערע טריט
און קיין שלאָף מער נעמט מיך ניט...

דוינע, דוינע, וועסט אַמאָל
לאָזן הערן זיך אין טאָל,
ווען קיין פּריץ וועט נישט זיין
און קיין הונגער און קיין פּיין.
זעט וועט זיין אין יעדן הויז
און די פרייד — אַ וועלט די גרויס...
דוינע, דוינע, טייער ליד,
דיך צו זינגען כ׳וועל נישט מיד...

כ׳האָב איר היינט אַ בריוו געשריבן,
און געשיקט אַ קוש אַ ליבן,
אַ קוש די ליפּן און די אויגן...
נו, פלי זשע, בריוו, ווי פייל פון בויגן
און קום אַהינצו גיך און באַלד:
דאָרט שטייט אַ שטיבעלע ביים וואַלד —
זאָלסט אָנקלאַפּן אין פענצטער שטיל
און זאָלסט איר זאָגן, וואָס איך וויל:
די בענקשאַפט יערט אין מיר ווי ווײַן...
מ׳זאָגט כ׳על דאָ קיין סך נישט זיין,
ווייל די מלחמה איז באַלד שוין אוים.
און זי זאָל אויספּוצן דאָס הויז,
און פאַרן הויז פאַרזעצן בלומען,
ווייל אינגיכן וועל איך קומען,
ווייל אינגיכן כ׳קום אַהיים —
און זי וועט מיר אַקעגנגיין
און אַזש צעוויינען זיך פאַר פרייד:
זע נאָר, זע נאָר ווער ס׳גייט!...
און תיכף, נאָך אַ וואָך, צי צוויי,
ווי־נאָר מ׳עט איינזאַמלען דאָס היי,
אַז מ׳עט דערלעבן מיט געזונט,
וועט זיין די חתונה ביי אונדז...

ס׳איז מיר ווינד און ס׳איז מיר ווײ

שטייט אין טאָל אַן אַלטע מיל —
וויין איך דאָרטן אין דער שטיל:
שטייען דאָרטן ווערבעס צווײ —
וויין איך אום מיין האַרץ פאַר זײ.

ערגעץ ווייט אין קעלט און שנײ,
איז געפאַלן מיין אַנדרײ;
ערגעץ אַף אַ וויסטן פעלד
האָט זיין האַרץ זיך אָפּגעשטעלט

דעם באָיאַרס צווײ שיינע זין
זענען נישט אַוועק אַהין,
נאָר אַנדרייען גאָר געשיקט —
האָט אַ קויל זיין האַרץ פאַרציקט...

האָט זיין האַרץ זיך אָפּגעשטעלט
ערגעץ אַף אַ וויסטן פעלד
ערגעץ ווייט, אין קעלט און שנײ;
ס׳איז מיר ווינד און ס׳איז מיר ווײ...

אַפֿן ביימעלע אַ שוואַלב

אַפֿן ביימעלע אַ שוואַלב
שטייט און טירילייקעט.
אירע טרערן — טרויעריקע,
דורכגעזאַפּט מיט ווייטיק...

„כ׳האָב אַ נעסטעלע פֿאַרמאָגט
„אונטער שטילער סטריכע:
„וווּ געווען נאָך אַזאַ גליק?
„ווער — צו מיר געגליכן?

״איך האָב אייעלעך געלייגט,
„קליינע און געשפּרענקלטע,
„זיי געוואַרעמט און געהיט
„מיט אַ זיסער בענקעניש.

„כ׳האָב אַף עופּעלעך געוואַרט
„לאַנגע, לאַנגע וואָכן,
„ביז זיי קוים זיך אויסגעפּיקט
„און אַרויסגעקראָכן.

„קליינינקע און נאַקעטע,
ליובינקעלעך שוואַכע —
„נישט אַ גאַנצן טאָג געוואָלט
„די פּיסקעלעך פֿאַרמאַכן.

„זיי געוואַרעמט און געשפּייזט
„און געלערנט פליען,
„פליגן וויאַזוי צו כאַפּן
„אין די אינדערפריען.

„— — — — — —
„— — — — —
„— — — — — —
„— — — — —

„כ'קום אַהיים פון שפּייז-געיעג —
„שטיל איז און פאַרנאַכטלעך —
„ליידיק איז דאָס נעסטעלע,
„פעדערלעך פאַרשמאַכטע...

אויפן ביימעלע אַ שוואַלב
שטייט און טירילייקעט.
אירע טרעלן — טרויעריקע,
דורכגעזאַפּט מיט ווייטיק...

שטעטל

אפֿן געלעגער

זיצט דער טאַטע און ער ברומט.
ס׳ברומט, דאַכט, אויך זיין שאָטן...
ווער האָט אַזאַ בענקעניש
און מיר איינגעקנאָטן?

ווען דער טאַטע וואָלט אצינד
ליגן שוין און שלאָפֿן,
וואָלט איך אויפֿגעפּראַלט די טיר
און אַרויסגעלאָפֿן.

כ׳וואָלט ווי אַ הירש זיך אומגעיאָגט
ביז צום בלויען טאָגן,
און מיין אומרו איינגעשטילט,
און איינגעשטילט מיין נאָגן...

— — — — — — — —

דרימלט איין דער טאַטע
איבערן „יורה דעה״,
צילייע איך מיך אַרוים פֿון שטוב—
גרינגער פֿון אַ פּייע...

ליגט פֿאַר מיר דאָס פֿעלד צעשפּרייט
אין לבנה-פליטער —
און פֿון אַ צויבער-ווייט איך הער
זילבער-טענער-ציטער...

און די ווייט — זי ציט און ציט —
אָ, זאָל זי מיך פֿאַרשלינגען!
דער הימל וויגט זיך איבער מיר
און מלאכים זינגען...

צי איך אָן די גרינגע פֿיס
און איך נעם זיך יאָגן —
און מיט מיר די גאַנצע וועלט
נעמט שוועבן און זיך טראָגן...

— — — — — — — —

כ׳דערוואַך. דער טאַטע זיצט און ברומט.
ס׳ברומט, דאַכט, אויך זיין שאָטן...
ווער האָט אַזאַ בענקעניש
אין מיר איינגעקנאָטן?

1928

ערשטע שפּראָצן פון מיין ליד

ערשטע שפּראָצן פון מיין ליד
ציטערן ווי גרעזעלעך
שטילע און פאַרשמאַכטע...

שטעטעלע מיין הויקערדיקס,
דינער אומעט אין מיין ליד —
קנאָספּן נאָך פאַרמאַכטע...

אינם בלויען אינדערפרי
בלאָנדזעט-אום אַ ווייסע טויב —
פליגל ערשט-דערוואַכטע...

וואָגלט-אום און צאַפּלט-אום
איבער קליינע הייזעלעך,
געסלעך נישט געדאַכטע...

ערשטע בליונג פון מיין ליד
אַף מיין ווייטיקדיקן וועג —
ווייען אויסגעלאַכטע...

שאָץ, מאי, 1927

פרימאָדיגן אין שטעטל

קומט אַ יידל אָנגעקרעכצט
מיט טריטעלעך מיט שטילע,
אונטערן אָרעם אין אַ זעקעלע —
אַן איינגעדאַרטע תפילה.

פון די קראַנקע הויפן
זאַמלען זיך די קינדער.
צו דער שחיטה טרייבט מען
צוויי סלינעדיקע רינדער.

דער געפּאַרבטער קלויסטער שפּיץ
שטעכט דעם הימל ברוגז.
דאָס אַלטע בית־המדרשל
שטייט זיך איינגעבויגן...

1927

קומט אַ פויערל צו פֿאָרן
מיט באַרבולקעלעך אַ זעקל —
שפּאַנט ער אוים די שקאַפּע,
בינדט זי צו צו אַ פֿאַרבלאָטיקט פּלעקל,
מאַכט צו זיך אַליין: „נו, גוט...״ —
וואַקסט-אוים אַרום דעם וועגעלע אַ רעדל יידעלעך
אין איין מינוט...

„...איז וויפל ווילסטו פֿאַרן זעקל בראַק?״
„דוואַציק טרע.״
גיט אַ שמיץ דעם קאָפּ דער ערשטער: „טאַק?!״
מאַכט דער צווייטער: „בע...״

ווערט שטיל אַ רגע צוויי,
מ׳זעט נישט איינם דאָס אַנדערע,
ביז ס׳שפּרינגט ארוים אַ דריטער:
„נו-זשע, פֿונם זעקל ווילסטו טאַקע פּטור ווערן,
צי דו טרייבסט מיט אונדז קאַטאָוועס?״
(פֿון די קאַליע אויגן רינען אים פֿון זיך אַליין די טרערן)

רופֿט זיך אָפּ דאָס פויערל, מיט היץ:
״קאַטאָוועס גאָר?
אָט-אָט איז שוין אָוועק דער טאָג —
און כ׳האָב נאָך-נישט געהאַט אין מויל...
אַ וויין אַהער שוין פֿון אַ צוואַנציקער אַ שפּיץ —
און זאָל עס אייך באַקומען וויל...״

נאָר ס׳עקבערט-אויס אַן אַנדערער פאַרשלאָפּן, פויל:
„וואַסיל, צי וויאַזוי דו הייסט שוין דאָרט —
דו נעם אַ צענערל און פאָר זיך דיר אַהיים געזונטערהייט...
און ווינציקער געטראַכט —
אַ רעגן-כמאַרע יאָגט-אַהער,
און ס׳עט נאָך כאַפּן דיך די נאַכט...
וואָס טויגן דיר אומזיסטע רייד?״
(און בלייבט אַזויווי אַ טשוטשע שטיין,
מיט אויסגעשפּרייטע הענט
און צוגעשמידט צום אָרט,
צי גאָר ווי פון אַ פּאַראַליז פאַרלענדט.)

און אַלע שטרעקן-אויס די העלדזער צו דער כמאַרע
און בלייבן שטיין פאַרקלערט...
ביז ס׳וואָרטשעט-אויס דאָס פויערל:
„עך-עך, יידלאַקעס,
היינט איז אייך באַשערט...
נו, ווייזט-אַהער דאָס צענערל, די שמאַטע —
לאָ׳מיך קויפן אַ פאָר פּינטעלעך פּאַפּשויע-מעל
פאַר הונגעריקע ווייב און קינדערלעך אין כאַטע...
אַ רוח אין אייערע פאַרשמאַלצעוועטע בערד!...״

* * *

די זון פאַרגייט.
ס׳פּאַרקעט זיך אַף אַ פאַרנעצטער זשמעניע היי
אַן אויסגעקראָכן עוף.
אין בלאָטע טאָפּטשען אום ווי צוויי גלגולים
ציגן צוויי...
און יידן ,קרעכצנדיק ווי קראַנקע,
שאַרן זיך אין קלויז אַריין זיין ליבן נאָמען דאַנקען...

פאַרנאַכט אין שטעטל

פון דער שקיעה הינטערן פריצם וועלדער
איז צעפלאַמט דעם שטעטלס בלייכע באַק.
אַ בעטלערל ציילט-איבער אין דער פאָלע
די פאַרדאַרטע שטיקלעך ברויט פונם זאַק.

דאָס שטעטל אָטעמט ווי נאָך אַ חלשות:
אַ טאָג געווען — אַן אָנגעגליטע טאַץ.
ס׳ווערן ווינציקער די גרינע פליגן
אינמיטן מאַרק אַרום אַ טויטער קאַץ

דאָס שטעטעלע — אַ קנוף האָרבאַטע געסלעך,
אַף אַ פריזבע האַלט אַ מאַמע אין שויס
א וויינענדיקן קינדס פאַרלאָזן קעפּל —
און שילט און באַכעט-צו, בעת זי לויזט...

אַ קאָזע טראַכט: געָנוג גע׳מעלה-גירה׳ט:
זי שטעלט זיך אויף און נעמט צו חלום גיין...
פאַר דער קלויז דערהערט זי מנחה-מורמלען —
שפרינגט זי קדוש און מעקעט-צו: אמן...

זי קראַצט זיך אוים דערנאָך דאָס פעלכל
דאָס ברודיקע, און לאָזט זיך ווייטער גיין.
פון הינטערן בית-עלמין-פלויט דערטראָגט זיך
פון אַ הונט אַ וואָיענדיק געוויין...

א מעשה מיט אַן אַפּלינקע (*

דריי ווייבער שטייען איבערן מאַרק צעשטעלט.
איינע וויל אַן עוף אַף שבת, נאָר אין גלייכן געלט.
די צייט איז אַ געשלאָגענע, מיט בלוט קומט אָן דער לעי: (**
„לעלע(*** מיטן הינדל, קום אהערצו, העיי!"
די לעלע אָבער הערט נישט... זי קען שוין דאָס פאַרשוין —
מסתמא אויסגעטאַפּט היינט אַ פּופּצן הינער שוין...
פּופּצן הינער אויסגעטאַפּט און נישט געקויפט קיין איינע;—
ווער ס'קען נישט ציפּען — אַ בראַנד איר אין דיביינער...

די צווייטע וויל פאַרבראָקעכץ פאַרן ביסל יויך —
אַפן ביסל עוף-יויך וואַרט אַ גאַנצע וואָך דער בויך.
קיין פלייש טאָר זי נישט עסן — און אַפילו ווען זי מעג?...
ווי צו אירע יאָרן, ווינד צו אירע טעג.
געקויפט אַ שטיקל עוף, אַ שטיקל הויט און ביין —
פאַר איר שטוב יתומים, פאַר איר שטוב געוויין
זיי — דאָס פלייש, די ביינדעלעך, איר — דאָס ביסל יויך.
אַפן ביסל עוף-יויך וואַרט אַ גאַנצע וואָך דער בויך.

די דריטע האָט פאַרגעסן וואָס אַזוינס זי וויל — — — —
דער מאַרק איז שוין אַריבער און פוסטלעך איז און שטיל...
ס'הויבט זיך אָן פאַרכמאַרען, ס'עט באַלד אַ רעגן גיין.
„וואָס אַזוינס האָב איך געוואָלט: באָב, צי קרויט, צי כריין?"
ווי אַ קראַנקער פויגל פּישטשען אירע רייד —
„דער קאָפּ איז דאָך נישט מיינער — פאַר צרות און פאַר לייד..."
זי גיט אַ זיפץ און דרייט זיך אום און וויל שוין גיין אַהיים —
שטעלט זי אָפּ אַ פויערל מיט אויוועלעך פון ליים.
„נאַ דיר אויוועלעך צום טיש, דו פויערישער קאָפּ!"
זעט ער, אַז ס'איז עפּעס נישט, לאָזט ער זי שוין אָפּ.

*) אַ זאַלץ-ברעטל, געפלאָכטן פון ווערבע-ריטלעך.
**) רומעניש געלט.
***) רומעניש: ליבינקע.

שטעלט זי אָפּ אַ צוויטער מיט טשערעפּענע טעפּ —
מאַכט זי דריי מאָל: „טפו, טפו, טפו! צו מיינע שונאימס קעפּ!”
שטעלט זי אָפּ אַ דריטער: „ברעזענע בעזימער — אָט...”
מאַכט זי: „פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ ווייטיק, גאָט?
פאַרוואָס זאָל איך פאַרגעסן פון דאַנען ביז אַהער?”
זי גיט אַ שנייץ דאָס נעזל און גיט אַ וויש אַ טרער —
און שטעלט דריב-דריבנע טריטעלעך און זיפצלט זיך אַליין צו —
אַזוי לאַנג ביז ס׳וועקט זי אויף אַ מרוקען פון אַ קו...
אַן אַפּלינקע! אַן אַפּלינקע!” (זי הויבט אַזש אָן צו פליען...)
איר אַפּלינקע איז ירושה פון דער מאַמען, זאָל זיך מיען —
און איר מאַמע האָט זי באַקומען פון איר באָבען נאָך —
נו, איז זי שוין צעפאָרן און איז שוין סאַמע לאָך.
דאָ אַנומלט זאַלצט זי אוים אַ ברויזן מאַרך-ביין —
דאָס גיט דער יישקע טעמים, מ׳זאָגט: אפילו חן —
און גייט זיך צו צום פּריפּעטשיק, זיך פאָרענען ביים פייער —
די יישקע זאָל געראָטן — ס׳קאָסט דען ווינציק טייער? —
און אויסגלייכן די טרינישקע — זי הינקט שוין אָף אַ זייט —
די טרינישקע איז ירושה, זי קומט פון זייער ווייט...
ירושה איז אויך דאָס טעפּל, דאָס פאָקרישקעלע — אויך,
די באָבע וויכנע האָט נאָך געקאָכט אין דעם-אָ טעפּל יויך.
און ווי זי שטייט אַזוי ביים פייער — פלוצים: עפּעס ציק!
און עפּעס דאַכט זיך איר: די שטוב האָט זיך געטאָן אַ וויג...
אַ דריי דעם קאָפּ — נישטאָ דער ביין! דער ביין ווו איז? אַ בראָך!
(דער ביין איז דורכגעפאַלן דורך דער אָפּלינקעס אַ לאָך — — —)
זי זוכט אַהער, זי זוכט אַהין — נישטאָ דער ביין! אַ קלאָג!
(דער ביין האָט אין פאָמייניצע זיך געוויקט אַ גאַנצן טאָג...)
פאַרנאַכט האָט זי אים קוים געפונען און איז מיט אים אַוועק
צום דיין — אין איין אָטעם און אין איינע שרעק.
האָט דער דיין זיך געחקירהט אַ מינוטן זיבן
און געפּסקנט: טריפה — און אַזוי איז עס געבליבן...

דער שטערנצײלער

אײנס, צװײ, דרײ, פיר.
איך — די שטערן צײל איך מיר.
פינף, זעקס, זיבן, אַכט.
מײן כּלה איז די בלויע נאַכט.

אײנס, צװײ, צװײ און דרײ —
זע, אַ שטערן פליט פאַרבײ!
שטערן, שטערן, שטעל זיך אָפּ,
ס׳יאָגט דיר נאָך מײן מידער קאָפּ...

נאָר דער שטערן איז אַװעק
צו אָן אומבאַקאַנטן ברעג —
בלײַב איך אַ פאַרצערטער שטײן
דאָ אין יאָמער־טאָל אַלײן.

דאָ איז ענג מײן יעדער טראָט,
דאָ פאַרנעמט מיך נישט קײן גאָט.
שטערן, שטערן, קום צוריק,
נעם מיך מיט צום װײַטן גליק...

זעלבסט־פּאָרטרעט פון אַ געוויסן יידישן דיכטער

כ׳בין אַ דיכטער, מיינע פריינט.
זייף און וואַסער האָב איך פיינט.
כ׳האָב אויך פיינט — ס׳איז פּרינציפּיעל —
צו לאַכן און צו שפּאַנען שנעל.

כ׳רעד צו מיידלעך מיאוסע רייד
און פאַרטשעפּע זיי דאָס קלייד —
ווערן זיי רויט און לויפן אַוועק.
(דאָס איז אויך אַ דיכטערס צוועק...)

כ׳פּוץ מיר וואָכן נישט די שיך.
כ׳טראָג דעם גאַנצן גלאַנץ אין זיך.
כ׳בין אַ דיכטער פונם פאַך —
כ׳האָב סמנים גאָר אַסך...

חידושט זיך נישט

חדושט זיך נישט, וואָס איך בין
אַזוי שיין געוואָרן.
די מאַמע זאָגט, אַ חתן קומט,
אויב נישט היינט, איז מאָרגן.

די מאַמע זאָגט, אז פון קאַנדרען,
וואָס אַרט עס מיך פונוואַנען?
אַלע מיינע חברטעס
זענען מיך מקנא.

די זון איז היינט אַן אַנדערע
און אַנדערע די וועגן...
כ׳וואָלט געפרעגט די מאַמעשע —
שעם איך מיך צו פרעגן.

כ׳האָב אָנגעטאָן אַ ליכטיק קלייד
און אַ שנירל רויטע קרעלן —
עפּעס זאָגט אין מיר דאָס הארץ,
אַז כ׳על אים געפעלן...


Allegretto
I.
RIT.
II.
RIT.

זינגט דאָס פייגעלע טירילײ
אינם וואַלד דעם שײנעם —
מײן ליבסטער איז אַוועק פון מיר,
האָב איך שוין נישט קײנעם.

פייגעלע, פייגעלע, ווער וועט איצט
מײן געוויין פאַרנעמען?
אַ פייער האָט ער צעפלאַמט אין מיר —
וויל עס מיך פאַרברענען.

פייגעלע, פייגעלע, טשיריטשי,
ווו איז מײן געטרײער?
איך וואַלגער מיך אַ גאַנצע נאַכט
ווי אין אַ העליש פייער.

פייגעלע, פייגעלע, טיו-טיו-טיו,
וואָס דערציילסטו נײעס?
ווייסט דען, ווי ס'לאָזט זיך מיר
אוים נאָך אים ס'חיות?

פייגעלע, פייגעלע, אוי-אוי-אוי,
דער ווייטיק איז נישט צו דערטראָגן.
מײן ליבסטער איז אַוועק פון מיר —
כ'על אייביק נאָך אים קלאָגן...


MODERATO
fine
RIT.
A TEMPO
RIT

איך בין באַשיידן צעיומטובט,
איך בין פריילעך באטריבט.
כ׳בין ווי אין אַ שיינער כלה
אין פראָסטן פאָלק פאַרליבט.

אין פראָסטן פאָלק, אין אָרימען,
און אין זיין האַרציק ליד,
וואָס לעגט זיך ווי אַ היילונג
אױף דער ווונד פון מיין געמיט.

דאָס פאָלקס-ליד ווישט-אַראָפּ פון מיר
די שטומקייט און די בלינד:
איך הויב-אָן נאָכצופלאַפלען
אַזויווי אַ מאַמען א קינד . . .

מאַמע זון

פערלדיקער מאָרגן-טוי,
טראָפּנס רעגן-בויגן —
שטייען גראָזן-פּלייצעלעך
צערטלעך איינגעבויגן...

קומט אַ יונגער מאָרגן-שטראַל
מיר די אויגן קושן,
און גלעט מיין פּנים שוועסטערדיק
ווי מיט צאַרטע פּליושן...

אַ ווינטעלע אַ שטיפערל
פאַרגנבעט זיך אין אויער,
אַנטפּלעקט מיר שטיל אַ גרויסן סוד
און טיליקט אוים מיין טרויער...

און כאַפּט אַף זיינע פליגל אויף
מיין האַרץ דאָס אויפגעוואַכטע —
און גייט מיט אים אַ זיסן טאַנץ
אַף פרישע פּאַשע-פּלאַכטעס.

כ׳לויכט-אויף אין דער מאָרגן-זון
אַזוי ווי די ליכטיקע טויען,
און מיט אַלע שוועלבעלעך
פלאַטער איך אום אין די בלויען...

אין די הויכע טיפן,
אין די בלויע העלן;
פונם ערדן-בויגן
צו די הימל-שוועלן...

און צוריק צום טייכל,
און צוריק צום בוים;
גאָרנישט האָב איך ליבער
פון דער ערד — מיין טרוים...

די זון

די זון טוט-אָן די מינדסטע גרעזעלעך
אין ליכטיקע מענטעלעך,
און פירט די מינדסטע חיהלעך
ביי די פיצעלעך הענטעלעך.

זי גיסט ווי פון פולע עמערלעך
מיט זאַפטן אָן די עפּעלעך,
און אין בלעטער-וויגעלעך
פאַרוויגט זי זיי די קעפּעלעך.

און באַקט אויס די ניסעלעך
אַזויווי פּוטער-פּלעצעלעך.
טראָפּנס זומער — די קאַרשעלעך
און די ווערבע קעצעלעך.

זי קושט אַרויס פון די קנאָספּעלעך
צאַרטע בלימעלעך רייזעלעך —
זיי שטייען אַזויווי מיידעלעך
צווישן די יינגעלעך-גרעזעלעך...

אַ זון מיט אַ רעגן

ס׳פּאַלט אַ זומער־רעגן —
אַ זילבערנער שטראַלן־שפּריי,
פון די הויכן שפּרייט זיך
פליטערדיקער זייד.

איבער די טאָלן וויגט זיך
אַ גאָלדענע רעגן־באַרשט —
ס׳האַלטן אָפן די ליפּן
די ווײַנשל און די קאַרש.

אַ פולע באַרשט מיט זאַפטן
טרינקט־אָן אי גראָז, אי בוים —
ווערט פול מיט ווײַן דער עפּל,
און פול די רויז מיט טרוים...

זילבער־זיפּן זיפּן
דינע רעגן־שניר.
פונם וואַלד־ראַנד וועלבט זיך
אַ רעגנבויגן־טיר.

שפּאַן איך מיר אַזוי אַוועק

שפּאַן איך מיר אַזוי אַוועק
מיטן וועג קיין דרום,
כ׳שפּייז מיך ביי דער מאַמע ערד
ווי דער מינדסטער וואָרעם.

שטייט אַ ביימעלע ביים וועג,
שאָקלט מיטן קעפּל:
טאָמער ביסטו הונגעריק —
עס פון מיינע עפּל.

שפּאַן איך מיר אַזוי אַוועק
מיטן וועג קיין צפון,
זעט אַ וואַסערל מיך גיין —
קומט עס צוגעלאָפן.

מורמלט ס׳וואַסערל פאַרביי
און באַלעקט די שטיינדלעך.
איטלעכס כוואַליעכל פאַר זיך
האָט אַ טויזנט חנדלעך...

אוי, אַ וועלט, אַ וועלטעלע!
אוי, אַ זיסער נחת!
אוי, אַ דאָרף, אַ דערפעלע —
אָנגעטאָן אין ליאַכעס...

שפּאַן איך מיר אַזוי אַוועק
מיט די אינדערפריען —
אַפן שליאַך גייט-אויף דער טאָג
און די ווינטן ציען.

ערשטע זאַרעס אַף די פעלדער

ערשטע זאַרעס אַף די פעלדער,
ערשטער ציטער אין געמיט —
וועקט זיך אויף דער יונגער מאָרגן
פונם טרעל פון אונדזער ליד.

ווייל איז מיט אַ מיידל שפּאַנען
צווי־אַליין אין בלויען פרי.
כאָטש דער גאַנג איז אַזאַ דרייסטער —
ווערט די ערד קוים אָנגערירט.

גייט־אויף צווישן אונדז אַ נאָענטקייט
און אַזאַ פאַרקלערטע קלאָר.
ווערט די קילע ערד אַ שוועסטער,
און דער מאָרגן — אונדז אַ פּאָר.

ווו אַ וואַלד און ווו אַ ברונעם —
שטעלן זיי זיך אויס ביים וועג.
אַז אַ וואַסערל דערזעט אונדז —
זילבערט עס מיט אונדז אַוועק.

גיט אַ יאָג־פאַרביי אַ ווינטל,
ווישט אין טאָל דעם פערל־טוי —
שטאַרבט דאָס לעצטע שטיקל וואָלקן
אינם טיפן רוימען־בלוי.

אַלע לאָדנס האָט דער הימל
שוין צעשפּראַליעט, זע נאָר, זע.
טראָגן מיר זיך אינם מאָרגן —
לאַכנדיקע כוואַליעס צוויי...

שיין, טאַקע זייער שיין

ווייטע פאַרנאַכטיקע הימלען
זיינען שיין, טאַקע זייער שיין;
נאָר דער שפּראָץ אָף טאָג
ציט מיך צו ווי אַ מאַגנעט-שטיין.

קילע, שטילע זאַמדן
זענען גוט צו מיין מידער קני . . .
נאָר ווי קומט דער לבנה-נאַכט-שימער
צום ציטער פונם מאָרגן-פרי ?

*   *   *

טוי-באַפּערלטע גראָזן
זענען שיין, טאַקע זייער שיין;
נאָך שענער איז קאַרשן-צייט
דער קאַרשן-בוים באַחנט . . .

שיין איז דער פליגל-געפלאַטער
פון טויבן דערוואַכטע, שיין;
נאָך שענער איז פרייד-געלעכטער
צווישן מיידלישע פּערל-ציין . . .

ד ע מ ע ר

(רחלען)

דער טאָל איז פול מיט דעמער,
ווי מיט בלויען פערל-שטיין.
שיין איז די שיינקייט ערשט דעמאָלט,
ווען זי ווייסט נישט, אַז זי איז שיין . . .

דער טאָל איז אַן ערדענער בעכער,
פול מיט צויבער, מיט ליד און מיט טרוים.
ווער עס בלה ביסטו,
ווייסער ברעזע-בוים ?

ס׳נידערט זיסע ראָסע,
ס׳קלינגט מיט קו-געקלאַנג.
ערגעץ ווינט דאָ גאָט —
ער לאָזט מיך הערן זיין גאַנג . . .

איך ליג מיטן האַרץ צו די הויכן
און מיט די אויגן צום הימל-ראַנד.
דער מאָרגן — אַ ווייסע טויב —
פיקט זערנעס פון מיין האַנט. . .

אַף אַ שפּיץ פון די קאַרפּאַטן

כ׳האָב פון זיך אַראָפּגעפּליקט די קליידער-טראַנטעס.
(זיי אומעטיקן-אַראָפּ פון מיר ווי שפּין-געוועבן.)
כ׳האָב געשענקט דער זון מיין לייב, דאָס אָפּגעצאַמטע.

כ׳שווים אין יולי-ווינט ווי אַ ציגל אַן אויסגעשפּרייטע.
אַ ליילעך בלויער הימל פּעכלט מיר די גלידער.
ווי דורך אַ ווייסן כישוף וועפּט פון מיר דער ווייטיק.

מיך הוידען שטראַלן-וויגן — אוי, ווי טייער!
כ׳האָב דער זון געשענקט מיין לייב, דאָס אָפּגעצאַמטע —
כ׳ווער אין אירע אָרעמס צייטיקער און פרייער...

קאַרפּאַטן-לאַנדשאַפט

בראשית, קעמל-האָרבן...
בערג — באַוועלדערטע פּליצעס.
פּעלזן-ריפּן פּליוסקען זיך
אין שוימענדיקע פּלייצן.

אַף פּעדים זון געציליעטע
בייטשן וואַסער-~~קערבלן~~ קרעלן
פאַלן און צעקרישלען זיך
אַף שטיינערדיקע שוועלן.

ביים טייך אין טאָל — אַ הירשן-פּאָר,
אַן אָדלער — אין די הויכן.
די שפּיצן פון די וועלדער-בערג —
אין דינע נעפּל-רויכן.

אַלץ אַרום איז גאָלד און בלוי
און איז געשפּרייט מיט בענקשאַפט...
(דאָ האָט דאָבאָש, דער באַנדיט,
גערעדט מיטן בעל-שם-טוב...)

פֿערלמוטער-בלויע כוואַליעס
דעקן-אָפּ דעם טאָל.
אינם הימל-ים פאַרזינקט
די לבֿנה — אַ זילבערנע שאָל.

אין דער לופטן וויגט זיך אום
דער באַגין — אַ גאָלדענע זאַנג...
איבער דער ערד גייט-אויף דער טאָג
מיט ליכטיקייט אין גאַנג.

דער מאָרגן וואַשט זיך אוים די אויגן
מיט אַ בעכער טוי.
מילך-צאַרטקייט מישט זיך
אינם הימל-בלוי.

אַ ברעזע וואַרפט פון זיך אַראָפּ
איר נאַכטיק שלייער-קלייד,
און טוקט זיך אין אַ טייכעלע,
וואָס פאַזע וועלדל גייט.

— איך קוש די גראָזן-קעפּעלעך —
זיי קושן מיך די לענד:
ס׳שטראָמט אין מיר די פרייד
ביז אין די שפּיצן הענט.

מיינע אויגן שפּינען
גאָלדענע פעדים טרוים —
זיי וויקלען זיך אַרום מיין האַרץ
ווי קאָרע אַרום אַ בוים...

איך וויג מיך אין אַ וויג
פון בלויע ווינטל-ווענט;
דאָס ווייסע טאָג-געצעלט
מינעט מיך און בלענדט.

דריי־איינציקייט

אַ שמעטערלינג פלאַטערט מיך אַרום,
ווי איך זאָל זיין אַ צעבליטע בלום.
און צאַרט, ווי דער כלהם ערשטער קוש
און ווי אַ יונגער סטראָשקעס פּליוש,
קושט מיר דעם נאָפּל אַ ווערבע־צווייג.
אַרום מיר איז פאַרטײַעט אַ גרויס געשווייג...
איך ענטפער באַלד דעם קוש צוריק
און שטיי מיט דער ווערבע בליק אױף בליק,
און איך פלאַטער־אַרום דעם שמעטערלינג —
אַזויווי ער מיך — אין אַ ליכטיקן רינג...
און מיר טאַנצן אַוועק אין בלויען רוים —
איך, דער שמעטערלינג און דער בוים...

וואָס טויגן מיר פּאַלאַצן?

וואָס טויגן מיר פּאַלאַצן
מיט שפּיגלדיקע ווענט?
איך לאַסטשע ווי די קעצעלעך —
שטראַלן אין מיינע הענט...

נישט אין קופּער-שטיינדלעך
ציילט זיך מיין פאַרמעג.
נאָך חסד-בלויע באַגינענס
קומען ליכטיקע שיפן — די טעג...

אין מיינע שיפן נעכטיקט
דער בלויער לבנה-שטיין.
אַף מיינע ווינטיקע זעגלען
רוט די זון אַליין.

° °
°

דער טאָג איז אַ בעכער מיט זונען-ווײַן,
אַ בעכער פון קרישטאָל.
ס'וויגט אים אום אַ ליכטיקע האַנט
איבערן מולטער-טאָל.

איך שטרעק נאָך אים די גלידער אויס,
איך וויג מיך ווי אַ בוים;
מיט זיסע זונען-ווײַנען
איז אָנגעפולט דער רוים.

איך מאַך אַ ברכה אין דער הויך
און טרינק פונם כוס דעם טאָג,
ווערט די גאַנצע וועלט
מײַן אייגנס, מײַן פאַרמאָג...

איך גיס מיט פולע בעכערס
זיך אין בלוט אַרײַן —
ביז איך פאַל אַ שכורער
פונם זונען-ווײַן...

מאמע זון

די זון פירט איר גאָלדענעם אַקער
איבער מיר און איבער מיין טרוים.
זי צעאַקערט און פאַרזייט מיך
ביז צום סאַמע זוים.

האָפענונגס-קערנדלעך צאַרטע
זייט זי אין איר גאַנג.
פון איטלעכן מינדסטן זעמדעלע
גייט-אויף צו איר אַ געזאַנג.

פון איטלעכן מינדסטן צווייגעלע
טריפט געפישטשעריי.
ס׳קלינגען ווי גלעקלעך די כוואַליעכלעך
אין אַ טייכל, וואָס איילט זיך פאַרביי.

ווי אין אַ ווונדער-חלום איז צעהעלט
ביי מיינע טריט דער שטויב.
איך זינג מיט אַלע קינדער
דער מאַמע זון אַ לויב.

פרעמד

פּאָזע שטילער סטעזשקע

פּאַזע שטילער סטעזשקע
ליגט דאָס היי אין סטויגן.
ס׳איז אַ טאָג געווען
און אַוועקגעפלויגן...

פלעסקלט זיך דאָס טייכל
שטילער אַלץ און שטיל,
אין די גראַזן טשירקעט,
קוים מ׳הערט, אַ גריל.

איינע נאָר, מיין בענקשאַפט,
גאָרנישט שטילער ווערט,
שפּרייט זיך מיט די הימלען
רונד-אַרום דער ערד.

אין דער הויך אַ שטערן
פינקלט פּרעכטיק שיין,
ווי ער זאָל מיך טרייסטן
אַפן טאָגס פאַרגיין.

פון דער הויך דער שטערן
וויטעט זיך מיט מיר:
כ׳וועל היינט אין דיין חלום
אָנקלאַפּן ביי דיר...

ס׳איז גוט אַזוי ארומצובלאָנקען
אַפן טאָגס פאַרנאַכטיקן זוים.
ווי וווּנדערלעך פאַרגייט זיך דעמאָלט
דער סטראַדיוואַרי פון מיין טרוים...

אין קאָפּ אין מידן הערט-אויף רוישן
ווי אין אַ בוים-קאָפּ אין אַ ווינט.
און עפּעס לאַכט אין מיר דורך טרערן,
אַזויווי ס׳לאַכט דורך טרערן אַ קינד.

ס׳איז גוט אַזוי אוועקצושפּאַנען
מיט דער סטעזשקע ביים ברעג פונם טאָג.
איך וויקל אין ווייכע וואָלקן-פּוכן
מיין טרוים — מיין איינציקן פאַרמאָג.

אַף מיין הייסן שטערן לעגט זיך
דאָס אָוונט-ווינטל קיל אַזוי,
און גלעט און צערטלט מיר די שלייפן,
ווי פינגער פון אַ געליבטער פרוי.

און היילט אין מיין געמיט די וווּנדן,
און מעקט-אָפּ דעם טרויער-שראַם.
מיינע אויגן — צווייי פאַרבענקטע מעוועס —
צירקלען איבערן פאַרנאַכטן-ים.

אַפן תחילת-אָוונט-הימל
פינטלט אַ זילבערנע זערנע מאָן.
וואָס פאַרא ליד איך זאָל נישט זינגען —
פאַל איך אריין אין אַ טרויער טאָן...

איך גיי שטיל אַדורכן לעבן
אַזויווי אַף אַ באַנאַכטיקן וועג.
בלייכע צפון-שיינען
זענען מיינע טעג.

און קומסטו מיר אַמאָל צו חלום —
האַלדז איך דיך און וויין:
מאַמעשע, כ'האָב זיך פאַרבלאָנדזעט,
פיר מיך אָפּ אַהיים...

ווי אַ בין אַ גאָלדענע
דעם טאַטנס ניגון זומט,
און טרייסט מיך אין מיין וואָגלעניש
ווי אַ כישוף-רייף...
ווער איז יענער ווייטיק,
וואָס נעמט מיין האַרץ אַרום,
ווי ס׳נעמט דאָס שקיעה-באַנד
אַרום דעם הימלס שלייף?...

דעם טאַטנס ניגון זומט און זינגט
טיף ביי מיר אין בלוט,
אינאיינעם מיטן ניגון —
מיין מאַמעס האַרציק ליד.
די באַלאַדע אירע
פונם געפאַלענעם רעקרוט,
דאָס ליד אירס פונם בלימל,
וואָס מ׳מיינט דערמיט דעם ייד...

אין אינגעווייד פון מיין געמיט,
אין מיין פאַנטאַזיעס טראַכט
דרימלט אַף די גרעזעלעך
דער טוי ווי, טראָפּנס פרייד —
דאָס איז דאָך די בענטשונג
פון מיין מאַמעס שפּראַך
אַף דער לידער-לאָנקע,
וואָס איז אין מיר געשפּרייט...

כ׳האָב אויסגעווײנט מיין טרערן-קוואַל
ביי מיין מאַמעס טויט,
און זינט פון יענעם טאָג
וויין איך שוין נישט מער.
נאָר ס׳איז איר ליד געוואָרן
מיין מילך און מיין ברויט;
און ס׳איז מיין אייגן ליד
נאָך איר מיין טרויער-טרער...

איך וויין נישט.
נישט אַפילו כ׳רעד.
איך שטום ווי אַ שטיין
צוקאָפּנס פון דיין בעט.

איבער דיין פרישן קבר
פלאַטערט מיין ווייטיק אום —
אַ פאַרווונדיקטער פויגל,
פון פיינען שטום.

וואָס טויגן מיר די לידער,
אַז דו ביסט שוין נישטאָ?
און צו וואָס די בענקשאַפט
נאָך דער באַגינען-שעה?

כ׳וועל פילגערן צו מיין מאַמעס קבר,
דאָרט אָנצוטרינקען מיין פאַרשמאַכט געמיט.
א פאסטוכס פייפעלע, די בענקשאַפט,
כליפעט אין מיין ליד.

כ׳וועל באָדן די נשמה אין רילקעס ליד־קרישטאָלן,
כ׳וועל טרינקען איובס רייד, כ׳וועל טרינקען שטום און לאַנג
כ׳וועל שפּילן אַף דער לירע פון מיין אומעט
פאַרנאַכטיק־שטיל און באַנג...

ניטע, ברידער, הייסט מיר נישט
זינגען אייך אַצינד.
קיינער פון אייך ווייסט דאָך נישט,
ווי ס׳איז מיר ווײ און ווינד.

לאָזט מיך בעסער זיין אַזוי שטיל,
ווי ס׳פאַלט פון אַ בוים אַ בלאַט.
כ׳האָב אמאָל אַ מאַמע —
אַ קרוין אפן קאָפּ געהאַט.

לאָזט מיך בעסער זיין אַזוי שטיל,
ווי ס׳פאַלט פון די שטערן אַ שניי.
קיינער פון אייך ווייסט דאָך נישט,
ווי ס׳איז מיר ווינד און ווײ.

כ׳הער אַ פייגעלע פּישטשען
צווי-צווי-צוויץ.
ענטפער מיר, זיס פייגעלע,
וווּ איז די מאַמע איצט?...

ווערט אַנטשוויגן דאָס פייגעלע,
דאָס פייגעלע פאַר דער טיר,
און איך פיל, אַז אָט-אָט-אָט
פּלאַצט דאָס האַרץ אין מיר.

* * *

ווי ס׳פאַרשווענקט אַ רעגן-גאָס
די שטיינדעלעך פונם וועג,
אַזוי ווערן מיר פאַרשווענקט
די יאָרן מיט די טעג...

אַן אומעט טאַטשעט מיין געביין
און ער צערט מיין באַק —
כ׳האָב אָנגעווווירן מיינע יונגע יאָר
ווי דורך אַ לעכעריקן זאַק...

מיט די וואַסערן זיינען זיי אַוועק,
און מיט די ווינטן איבערן סטעפּ;
ס׳פליט מיר נאָך אַ/סטייע קראָען
און שאָקלט מיט די קעפּ...

* * *

שטערן, דאָרטן אין דער הויך,
וואָס דו קוקסט צו מיר אַראָפּ,
ווו וועל איך היינט אַנידערלעגן
מיין מידן קראַנקן קאָפּ?

כ׳האָב דאָך דאָ נישט קיינעם,
אין דער וויסטער פרעמד.
מיין ברוסט איז באַזאַלצן מיט טרערן,
טראַנטעס שפּאָט מיין העמד.

נאָר דער שטערן ענטפערט נישט,
כ׳ליג אים נישט אין זין.
וואָס הויב איך אָן צו טון מיט זיך —
עלנטער, וואָס איך בין?

כ'האָב אויפגעמאכט דאָס פענצטער,
כ'האָב אויפגעמאכט די טיר —
זאָג מיר, טאָג געגארטער,
זאָג, וואָס ברענגסטו מיר?

אַף דער שוועל אַ בריוועלע —
אַ דאנק דיר, שיינער טאָג.
מיין האַרץ האָט זיך צעשמייכלט.
וואָס שטייט אין בריוועלע, זאָג.

„כולנו בקו הבריאות
והשלום, תהלה לאל...”
וואָס ציטערן דיינע ווערטער אַזוי?
זאָג מיר, טאַטע, דערציילֿ.

כ'לייען שורהלע נאָך שורהלע
דעם טאַטנס דריבנע כתב:
„הגזרות מקודם נתחדשו
ביתר זעם וזעף...”

פאר מיינע אויגן האָט אַ שווערד
אַ בליץ געטאָן, אַ בלענד...
דאָס בריוועלע — אַ טייבעלע —
צאפלט אין מיינע הענט...

איך שטעך מיך אוים די אויגן,
איך רייס פון זיך דאָס לייב —
כ'זע טראָפּנס בלוט און טרערן
אין דריבניטשקן געשרייב...

גרויע אומעט-וועלף
באַפאַלן מיין געביין.
מיין הארץ ליגט אַ צעשניטנס
און וואַרפט זיך אין געוויין.

בלעטעלעך פון טימאַטיי

בלעטעלעך פון טימאָטיי,
אוי, ווי ס׳טוט ס׳האַרץ מיר וויי.
פאַרוואָס דאָס האַרץ טוט וויי אַזוי?
פרעגט פאַרטאָג אין פעלד דעם טוי.
ס׳איז דען טוי? ס׳איז מיינע טרערן.
ערגעץ האָט אַמאָל אַ שטערן
אין אַ זיסער זומער-נאַכט
צו מיר אין האַרץ אַריינגעלאַכט,
גלייך צו מיר אין הארץ אריין,
מיט זיין בלויער שטערן-שיין...

בלעטעלעך פון טימאָטיי,
אוי, ווי ס׳טוט ס׳האַרץ מיר וויי.
שווערע בענקשאַפטס-וויינען יערן
טיף אין מיר נאָך יענעם שטערן,
וואָס האָט אין אַ זומער-נאַכט
צו מיר אין האַרץ אַריינגעלאַכט,
גלייך צו מיר אין הארץ אריין
מיט זיין בלויער שטערן-שיין...

מיין בענקשאַפט

מיין בענקשאַפט צענעמט די פליגל
און נעמט מיך אַרויף אַף זיי...
פלי נישט צו די שטערן,
זיי שטילן נישט מיין וויי.

פלי אין מיין היימישן שטעטל
און לאָז מיך דאָרט איבער אַליין —
די בידנע געקאַלעכטע שטיבעלעך
זעען-אוים פון דער ווייט אזוי שיין...

טראָג מיך אַהין, מיין בענקשאַפט,
און נעם מיך נישט צוריק.
מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז דאָרטן
וואַרט אַף מיר מיין גליק...

נו, פלי זשע, פלי, מיין בריוועלע

נו, פלי זשע, פלי, מיין בריוועלע,
גלייך, גלייך צו מיין שוועסטער;
זאָג איר, אַז פון אַלע פריינט
איז זי מיר דער בעסטער.

זאָג איר, אַז איך בענק נאָך איר
אַזוי ווי נאָך אַ מאַמען;
און וויפל כ׳האָב מיך שוין פאַרזאַמט,
וועל איך מיך מער ניט זאמען . . .

* * *

נו, פלי זשע, פלי, מיין בריוועלע,
גלייך צו מיין באַשערטער;
זאָג איר, פאַר מיין בענקעניש
געפין איך נישט קיין ווערטער.

זאָג איר, אַז די בענקעניש
פאַרצערט מיך ווי אַ פייער,
און אַז דאָס לעבן מיינס אָן איר
האָט נישט די ווערט קיין דרייער . . .

ביסט אַ טייער מיידל

ביסט אַ טייער מיידל.
ביסט אי קלוג, אי שיין;
ביסט א טייער מיידל,
נאָר נעמען דיך קען איך נישט, ניין.

כ׳האָב צוגעזאָגט אַן אַנדערער,
כ׳שוווער דיר ביי מיין גליק,
כ׳האָב צוגעזאָגט אַן אנדערער,
אַז כ׳על קומען צוריק.

איך הער נאָך אירע ווערטער
אין איטלעכן שאָרך פון ווינט —
„אָפּנאַרן א ליבע
איז אַ גרויסע זינד."

כ׳זאָג דיר נישט קיין ליגן,
נאָר די הוילע וואָר.
כ׳האָב צוגעזאָגט אן אַנדערער,
כ׳על מיט איר זיין אַ פּאָר.

ס׳האָט דער קלויסטער אויסגעציילט
צוועלף בלינדע קלאַנגען.
האַלבע-נאַכט האָט זיך דערשראָקן,
אין א שושקען זיך פארגאנגען...

האָבן זיך גענומען וויגן
צוועלף קלאנגען שווערע-לייכטע — — — —
ס׳האָט זיך מיטגעוויגט מיט זיי
די אָסיען-נאַכט, די פייכטע...

ביים ראָג האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלז
דער פארבענקטער גאס-לאַמטערן — — — —
אף זיינע קראנקע שויבן-באקן
רינען גרויסע רעגן-טרערן...

— — — — — — — — — —

אין אן ענגן שטיבעלע
די קראַנקע מאַמע ליגט ווי טויט.
ווי מיט מעסערס שניידט מיך
געוויין פון שוועסטערלעך נאָך ברויט.

איך פארדינג מיין בעטל
און מיין זעכצן-יעריק לייב.
זאָג מיר, וויפל דו פארמאָגסט —
בין איך אף א נאַכט דיין ווייב...

— — — — — — — — — —

ס׳האָט דער קלויסטער אויסגעציילט
צוועלף בלינדע קלאנגען.
האַלבע-נאכט האָט זיך דערשראָקן,
אין א שושקען זיך פארגאנגען...

חלומות

בלאָנדזשענדיקע לעמער —
מיינע יונגע יאָרן.
מיין טשערעדע חלומות —
וואָס איז פון זיי געוואָרן?

ערגעץ, ערגעץ שמאַכטן
טיף אין מיינע טיפן
פון מיין יונגן חלום
די שטאָלצע זעגל־שיפן.

אין דרויסן וויינט אַ רעגן —
דאָס וויינען מיינע יאָרן.
מיין טשערעדע חלומות —
וואָס איז פון זיי געוואָרן?

צוקאָפּנס — דער שטיין פון מיין דאָליע.
צופוסנס — דער פּענט פונס שליאַך.
כ׳האָב אין זאַק נאָר אַ ביסעלע האָפענונג,
פאַרצווייפלונג האָב איך אַסך.

איך שלעפּ מיך אַרום מיט דער סאַקווע,
אַזויווי געפירט פון אַ קינד;
מיין אויג איז פול מיט זעונג,
נאָר איך גיי-נאָך ווי בלינד...

איך טו פון זיך אוים די טראַנטעס,
איך גאַר נאָך רו און טרוים.
קום, לעג זיך אַזויווי מאַרלע
אַף מיין שלייף — דו, אָוונט-זוים.

קום, אָוונט-ווינטל, פאַרוויג מיך
מיט דיינע פליגל-הענט
און ווייז מיר כאָטש אין חלום
טרייסט און ליכטיקע ווענט.

קום, ווייז מיר כאָטש אין חלום
אַ גאָרטן אויבס און בלום,
און אַף אַ שטילער סטעזשקע
גייען צווייען אום...

פאַרנאַכט

די פאַרנאַכטיקע שטיל איז פאַרגאָסן
מיט רויטן שקיעה־ווייַן.
(איך נויג מיך צו צו איר
און האָרך זי אין מיר אַרייַן...)

דאָס אָוונט־ווינטל לאַסטשעט
די גראָזן און דעם מאָך.
(איך טרינק זייַן וואַרעם זשורזשען,
מיר ווילט זיך נאָך און נאָך...)

די נאַכט וואַרפט־אַפּיר אַ שלייער
פון הינטער א ווייטן באַרג.
די ביימער וויקלען זיך ענגער
אין זייער בלעטערוואַרג.

דער ערשטער שטערן אין מזרח
פינקלט — אַ פינטעלע חן.
די בלעטער דערציילן מעשהלעך
צווישן זיך אַליין.

אַ ווערבע דאַוונט מנחה
אין בלויען איינגעהילט.
(ביטער-זיסע בענקשאַפט
צינדט מיך אָן און קילט.)

אַ בין האָט זיך פאַרשפּעטיקט —
זי בלאָנדזעט אַהיים און זשומט.
(מיין האַרץ האָט זיך צעכליפּעט —
איך וויים נישט, ווי ס׳קומט...)

אַ פייגעלע לייענט קריאת-שמע
פאַרפרומט, כוונהדיק...
(איך הויב-אָן שעפּטשען אַ תפילה,
אזויווי מיט יאָרן קריק.)

בידך אפקיד רוחי...
דאָס פייגעלע אין בוים
היפּעט אַ צווייגעלע נעענטער...
אַ בלעטעלע רירט זיך קוים.

כ׳בין אַ קרוג מיט בענקשאַפט
ביזן ראַנד אויג.
ער וויל זיך איבערגיסן
ביים פאַרנאַכטן-נויג...

גאָטס האַנט באַזייט דעם הימל
מיט פינקלדיקן מאַן.
(כ׳טרוים-איבער מיינע טרוימען —
פונם ערשטן אָן...)

די פאַרנאַכטיקע הימלען
יערן מיט זון-פאַרגאַנג.
ס׳גייען אין מיר אויף
פולע מולטערס מיט פאַרלאַנג...

אין אָוונטס צויבער-טויער
אַנטדרימלט דער פויגל-געזאַנג.
ערגעץ וואַרט אַף מיינע ליפּן
אַ בעכער ליבע-געטראַנק.

דער הימל נידערט אַראָפּ צו דער ערד
און פלעכט זיך מיט איר צענויף.
דער טאָפּאָל שטרעקט-אוים זיין שלאַנקן האַלדז —
אים ציט צום הימל אַרויף...

* * *

שנייען-שטערן פאַלן
דער נאַכט אין שוים אַריין — — — —
מיין בענקעניש פאַרטאַיעט זיך
און שפילט אין מיר ווי וויין...

וואָס וויל איך דען מער ?

אַזויווי אַ פעלד אונטער זון —
אַזאַ אָפּענעם וועג צום לעבן . . .

און אַוועקצוקושן די טרער פון מיינע אויגן —
צוויי מיידל-ליפּן מאַמעדיק געטרייע.

און שויבן ליכט
און פענצטערדיקע הימלען . . .

און רויט-באַחנטע עפּל אויפן טיש צו זעט
און אַ רו-פול בעט.

און טעג — אין אַרבעטן, מיט שמחה ארומגעגורט די לענדן,
און נעכט — אין שלאָף, אין חלומות און אין ליבע.

און אַ טייכל מאָרגן-גאָלד אויף מיין דערוואַכטער שוועל —
די פיס אין זיי ווי קעצעלעך צו באָדן.

און זאָל די וועלט נישט זיין מיר מער קיין פרעמד,
נאָר אַ געשאַנק מיינע יונגע יאָרן . . .

ווען?

די ערד איז דאָך אַ מאַמע,
שפּייזט יעדן מיט איר ברוסט —
פאַרוואָס זשע גיי איך אום אַף איר
מיט נישט-געשטילטן גלוסט?

די טעג זענען שטיקער גאָלד
אַף זון-געשפּרייטער ערד —
פאַרוואָס זשע איז מיין טאָג
פאַרטרויערט און פאַרטרערט?

ווען ציר איך אוים מיט זון-שיין
מיינע הוילע ווענט?
ווען שיילט זיך אָפּ, ווי קראַנקע הויט,
דער טרויער פון מיינע הענט?

ווען הערט מיך אויף באַלייטן
מיין מזלם טרויער-פליט?
ווען בלייב איך אויג אַף אויג אַליין
מיט מיין פאַרבענקטער פרייד?...

תפלה

ווי שמאַכט מיין ליד — אַ דינע-דינע פלאַנצונג —
אין הייסן מדבר-ווינט פון מיין פאַרצווייפלונג.

אַ שווינדלדיקע שווערד פאַר מיינע בליקן —
דער וואָגל — יאָגט מיין ליד מיט מיר איניינעם.

איך גיי ווי אין אַ טרוים-קאָשמאַר אַ שווערן,
מיט אויסוועגלאָזע שטריק אַף מיינע קנעכל.

צי וועט אין מיר שוין שטענדיקן דער טרויער?
ער ליגט ווי ווייסער פראָסט אַף מיינע לידער...

צי וועל איך זען דעם זון-געקרוינטן מאָרגן?
אַ בענקשאַפט קושט דעם טיול פון מיינע אויגן...

צי וועל איך זען דעם האָנען-קאַם דערוואַכן —
באַגינען-גאָלד דורך מיינע שטילע פענצטער?...

לאָז פאַלן אַף מיר טרייסט ווי פרילינג-רעגן,
צו לעשן פון מיין זעל די הייסע זאַמדן...

און איבער מיר ציר-אוים די הימל-סטעליע
מיט האָפענונג, ווי מיט אַ רעגנבויגן.

אַ פלאַטערל, וואָס טאַנצט פון בלום צו בלימל —
אַזוי זאָל זיך די פרייד אין מיר צעטאַנצן.

* * *

ס׳שלאָגט אַ קוואַל אין מיינע טיפסטע טיפן,
נאָר, אָך, אַ ווייטיק-שטיין פאַרצאַמט זיין שלענגלען.

אָ, גיב אים פון אַ טראָפּן טוי די קלאָרקייט,
און ווינטן וואַרעמע, זיין הויט צו חנדלען...

און רעגן-פינגער זאָלן אַף אים שפּילן,
און זונען-שטראַלן זאָלן אין אים פינטלען...

און קינדערלעך, ווי בלומען ווי צעבליטע,
מיט גלעקעלעך געלעכטער — אַף די ברעגן...

יידיש איז מיין מאַמע

לשון-קודש איז מיין טאַטע,
די מאַמע מיינע — יידיש.
דייטש איז מיר א שוועסטער,
איז זי שיין — א חידוש!

רומעניש איז אַ פעטער,
קיין מומע האָב איך נישט
פון אַט-די אַלע קלאַנגען
איז מיין בלוט געמישט.

נאָר שענער פון א מאַמען —
אַזוינס איז דען געמאָלט?
אויגן — לויטער גוטסקייט,
אַ האַרץ פון גינען-גאָלד.

און אָרעמס פול מיט טרייסטונג,
פאַר מיר, איר טייער קינד,
וואָס שלנטיקט אין די פרעמדן
און איז הפקר ווי דער ווינט.

י. י. סיגאַל׳ן

(.1

פאַר אַ קרעטשמע לאָדט מען אויס
בייכיקע פעסלעך ביר.
מ׳לאָזט זיי אַראָפּ אין אַ קעלער
דורך אַ זייטיקער טיר.
אַ קרעמער שטייט פאַר זיין געוועלב
און גיט זיך נישט קיין ריר.

אים צו-פוסנס ליגט
אַ קעצל אַף דער שוועל;
עס לעקט די לאַפּקע און וואַשט זיך
די סאַמעטענע פעל.
אַ ראַדיע פארפלייצט די גאַס
מיט א הייזעריקן טרעל.

אַ שיכור, אַ צעכראַסטעטער,
טאַלעפּעט זיך אהיים,
הענט און פנים אויסגעשמירט
מיט קאַלעך און מיט ליים.
אַ דאַמע, א באַמאַליעוועטע,
קאַטשעט זיך אין גיין.

(.2

„קויף דיר, מיין קינד, אַ מצווה,
און פיר מיך אַריבער די גאַס...״
אַן איינגעדארט באָבעלע בעט מיך,
איר פּנימל — עפּל-קוואַס.
אירע אויסגעלאָשענע אויגן
זענען טרערן-נאַס.

איך פיר זי די גאַס אַריבער
אַזויווי מ׳פירט אַ קינד.
אַ דערמאָנונג רירט מיך אָן,

אַזויווי אַ וואָרימער ווינט.
איך קוק אַף דער באָבעלעס הענטעלע
און אַף די אָדערלעך בלויע טינט.

מלחמה-יאָרן האָבן
די קינדהייט מיר פאַרשטיינט.
פון דער ווייטנס לייכט זי
זעט-און-פרייד-באחנט...
איך שמייכל און איך לאַך —
איך וואָלט זיך אַזש צעוויינט...

איך בויג מיך אַראָפּ צום באָבעלע —
אַזויווי אַ מיידעלע איז זי קליין.
זי טראָגט אַן אַלטן קרבן-מנחה,
מיט אַ טעוועלע פון ביין.
איך פיר זי אַזויווי אַ שלעפעריק קינד
אַרויף די טרעפּ פון שטיין.

איך גיב אַ דריי די קליאַמקע,
און כ׳פיל אַ מאָדנעם שניט...
איך פיר זי צו אַ שטענדער צו,
מיט שטילע, שטילע טריט.
דער האַלבער מנין יידן
הערט ניט, זעט מיך ניט...

איך שטיי איבערן באָבעלע
ווי איבער אַ הייליקייט.
זאָג מיר עפּעס ,באָבעניו,
איך הער, כ׳בין אָנגעברייט.
זי גיט אַף מיר אַ שמייכל
און — ווי אַ ליכט פאַרגייט...

איך קוק מיך אום... איך זוך איר האַנט,
אַזויווי אַ קינד אין וויי.
פון מיינע ליפּן רייסט זיך
אַ פאַרשטומט געשריי.
די שול — זי לעשט זיך, לעשט זיך — — —
יתגדל ויתקדש שמה...

ביז צום טיש, ווו כ׳זיץ אצינד
און שפּיל מיך מיט אַ גראָז,
גרייכט מיין בידנעם שטעטעלעם
צוגעדינצטער טעם.

שטיבלעך אין אַ צלם,
און אין דער מיט — דער מאַרק.
די צערקווע-שפּיצן קוקן
צום טייך און צום ליימיקן באַרג.

כ׳האָב היינט געהאַט אַ בריוועלע,
אַ בריוול פון דער היים.
זיי פרעגן, ווי ס׳לעבט זיך מיר,
איינינקער אליין.

אין בריוול שטייט: „ס׳איז ביטער.
וואָס דען האָסטו געוואָלט?...
דו שרייב אונדז בעסער, צי דו ביסט
נאָך אַלץ אזא שטיק גאָלד...״

מיט די-אָ ווערטער שרייבט מען מיר —
כ׳זאָל אזוי זיין געזונט.
אוי ווי טיף ס׳שניידט אין מיר
די בענקעניש אצונד.

כ׳דריק-צו צום האַרץ דאָס בריוועלע,
טאַקע נאָר ווי אין אַ ראָמאַן.
לענין מיט פּרצן שמייכלען צו מיר
ביידע אַראָפּ פון דער וואַנט . . .

איך לעג-אריין דאָס בריוועלע
טיף אין האַרץ, אין אַ פּאַלב.
די אויגן פליען-אַוועק
ווי אַ פאַרבענקטע שוואַלב. . .

פון בריוו צו לייבקעז

1.

איך גיי נישט צו דער ארבעט
אזויווי צו א יום-טוב.
איך גיי — געשפאנט צום יאָך
מיט א קייטן-פלאָנטער.

איך ארבעט זייער שווער,
און פארמאָג נאָך גאָרנישט.
כ'האָב אָפגעשפאָרט נאָר איינס:
א האַרץ מיט ווייַ און צאָרן.

איטלעכער ביסן ברויט
איז געווייקט אין שוויים און טרערן.
גרים מיר דאָרט די חברה —
וואָס לאָזן זיי פון זיך נישט הערן?

.2

דער הונגער האָט נישט אָפּגעשוואכט
מיין בענקשאפט צו די שטערן.
ווי זאנגען בליען אין מיין בלוט
חלומות און באגערן.

חלומות און באגערן
טוליען זיך איינס צום אנדערן.
דאָ אף דער פרעמדער ערד
איז אונדז שווער צו וואנדערן . . .

נאָר כ׳האָב נאָך ליב א ניגון,
און א פאָלקס-מאָטיוו אן אלטן,
און א חסידישע מעשה,
א וואונדערלעך-צעשטראלטע.

דער הונגער האָט נישט אָפּגעשוואכט
מיין בענקשאַפט צו די שטערן.
ווי זאנגען בליען אין מיין בלוט
חלומות און באגערן . . .

.3

ווער דאַרף דען דאָ דעם וויין פון מיינע טרויבן ?
און פון מיין האַרץ דאָס הייסע בלוט ווער דאַרף ?
דאָ וואַלגערט זיך מיין ליד אין שטויבן,
און מיין מיטגעבראַכטע האַרף.

דאָ וויאַנעט זי — מיין שפּראַך, מיין היים-געליבטע;
איך וויאַנע-מיט מיט איר . . .
דאָ שפּראַצט זי נישט אַף קינדער-ליפּן,
דאָ פוילט זי אין די מיסטן פאַר דער טיר.

דאָ בין איך איינער פון די לעצטע יידיש-זינגער.
מיין קינד וועט מער נישט רעדן אַף מיין שפּראַך.
כ׳שפּאר-אונטער מיט די הוילע פינגער
איבער זיך דאָס שטיקל דאַך . . .

דער אימהדיקער אָדלער צווייפל
פּיקט מיין אויסגעמאַטערט האַרץ און שטעכט . . .
און אין די ביינער פלאַקערט די פאַרצווייפלונג —
אוי, פראַוועט זי וואלפּורגיס-נעכט !

דאָ, אין אַלדי וויטן,
פרעגט נישט קיינער אַף מיין ליד.
אַף ליכטיקערע צייטן
פאַרהיט איך עס און היט . . .

4.

...נו, וועל איך נישט האָבן
צו זעט דאָס שטיקל ברויט,
און אַ שטיקל קרקע
נאָכן יונגן טויט.

נו, ט׳מען מיך באַגראָבן
אין אויסגעליענער ערד —
מסתמא איז אַ דיכטער
שוין אַזוי באַשערט.

נו, ט׳מען מיינע ביינער,
שוין האַלב אויף שטויב צעמאָלט,
אַרויסוואַרפן פון זייער רו,
ווייל מ׳האָט זי נישט באַצאָלט...

נישט דאָרט איז מיין היים ...

נישט דאָרט איז מיין היים, ווו ס׳איז ברויט דאָ צו זעט,
און א ליכטיקע שטוב און א ווארעם בעט,
ווו ס׳נעמט דיך דער שלאָף מיט חלום ארום,
ווי מיט ליבע צוויי אָרעמס און לאָקט: קום... קום...

ווו דער מאָרגן שמייכלט-אריין אין הויז,
און קושט דיך פונם שלאָף ארויס,
ווי א מאמע וועקט איר קינד אין וויג,
און נעמט עס צו זיך מיט ליכט אין בליק.

נאָר דאָרט, ווו ווינטן באפאלן דעם בוים
פון מיין לעבן, וואָס האָט זיך צעבליט ערשט קוים,
און ברעכן אים די צווייגן-הענט,
וואָס ער האַלט — אין געבעט — צו דער זון געווענדט...

ווו די לאָדקע פון מיינע יונגע יאָר,
— מיט לייכטע, ווייסע וועסלעס אַ פּאָר —
קען נישט דערשווימען, די זעגלען צעשפּרייט,
דורך א ים מיט טרויער צו אן אינזעלע פרייד ...

אין חושך

עפנט די טיר! . . .

געשריי אין די אויגן, אין קאָפּ — דעליר,
עפנט, עפנט, עפנט די טיר!

אַ פייער האָט מיין געצעלט פאַרלענדט,
איך טראָג מיין לעבן אין די הוילע הענט...

ס׳יאָגט מיר נאָך אַ פינצטערער ווינט
און רייסט מיין לייב ווי אַ טשאַטע הינט...

ווי מעסערס שטעקן זיינע ציין
אין מיין פאַרמאַטערטן געביין...

ווי טראַנטעס הענגט די הויט אויף מיר —
עפנט, עפנט, עפנט די טיר! . . .

נאַכט, געטרייע מאַמע,
ניטע גיי אַוועק.
טרייב כאָטש אָפּ א רגע
פון מיר אָפּ די שרעק.

נאַכט, געטרייע מאַמע,
קום און וויג מיך איין.
זאָל כאָטש אָפּ א רגע
איינדרימלען מיין פּיין.

נאַכט, געטרייע מאַמע,
קום און דעק מיך צו.
זאָל כאָטש אָפּ א רגע
זיך אומקערן מיין רו.

דרימלען

ליבע-לידער שלומערן אין מיר,
ווי אין די נעסטן טויבן.
ערגעץ וואַרט אַף מיר א טיר
און אַף מיין ליבע-גלויבן ...

ווו זאָל איך אויפשטעלן א דור,
א וויג ווו זאָל איך בויען —
ביז ס׳וועט א בלוי טון דער קאַיאָר,
ביז דער קאיאָר וועט בלויען ?

ווו זאָל איך אַנקערן מיין שיף
און ווו פאַרוואַרפן בריקן —
קינד מיינס, ערגעץ אין מיין טיף,
טאַטע-מאַמע-גליקן ...

איך אליין בין דיר א וויג...
א שטורעם וויגט אונז ביידע —
איבער ימים הין און קריק
וואָגלט א יידן-עדה ...

אַ הונט האָט מיך דערזען און איז אַנטלאָפֿן

אַ הונט האָט מיך דערזען און איז אַנטלאָפֿן,
אַן אויסגעווייקטער אין אַ נאַסער ברוד.
האָט דאָס מיך ווי אַ שאַרפֿער שטיין געטראָפֿן,
אַ בייטש געטאָן מיין פּנים ווי אַ קנוט.

אַזוי אַנטלויפֿט מען פֿאַרן היצלס פּעטליע.
דו גלויבסט נישט מער דער חיה אַף צוויי, איך ווייס.
כאָטש מיינע הענט האָבן געוואָלט דיך גלעטן,
און מיין האַרץ טראַכט קיינמאָל נישט קיין בייז.

און אפשר איז שוין אין מיין אויג פֿאַרלאָשן
די ליבשאַפֿט מיינע, וואָס איך האָב פֿון גאָט?
געוואַלד, צי האָב איך נישט פֿאַרקויפֿט פֿאַר גראָשן
דאָס הייליקסטע און עס געמאַכט צו שפּאָט...

וואָס קומט אַרויס, אַז רייד פֿון טויזנט קלוגע
ליגן איינגעפּערלט אין מיין האַרץ,
און אַז מיין שכל שפּאַלט די צייט, די וויגע,
מיט קאָזשלקעס — אַ קעצל אַ פֿאַרשאַרטס...

געוועזן באַדאַרפֿט מער מידות אין זיך כאָוועז;
דעם שכל לאָזן ווינציקער געשאַרפֿט.
נישט זיצן ביי דער „ניינטער״ פֿון בעטהאָווען,
נאָר מיט אַ בעטלערל אין מאַרק — געוועזן באַדאַרפֿט...

קום אַהער, מיין ברודער הונט, אַנטלויף נישט...
מיך טרייבט מען, מיך באַליידיקט מען דען ניט?
כ׳האָב אייראָפּעס אַלע האָפן-הויפן
באַפלעקט מיט מיינע בלוטנדיקע טריט.

די נאַכט איז פול מיט לויער אין די שפּאַלטן.
דער טאָג איז אויסגעבויגן ווי אַ שווערד;
כאָטש דער מערדער ליגט נישט היינט באַהאַלטן,
ער גייט-אום הפקר אַף דער שיינער ערד.

אַזויווי יעזוס שלעפּט אַף זיך דעם צלם,
אַזוי שלעפּ איך דעם וואָגל מיט זיך מיט,
דעם גורל פון מיין פאָלק — אַף אַקסלען הוילע
און מיט פאַרוווּנדיקטע און שטויב-פאַרברענטע טריט.

צו דער שחיטה פירט מען מיינע ברידער
און מיינע קליינע שוועסטערלעך; און איך —
אין אויסוועגלאָזע פלאָנטערס מיינע טריט די מידע
און מיינע הענט — אין יאוש — וואַרגן זיך...

איך אַליין בין שוואַך און אומפאַרמעסטיק,
שטאַרק בין איך אינאיינעם נאָר מיט זיי —
די ברידער מיינע און געשענדטע שוועסטער,
מיט זייער ים פון טרערן און פון ווײ.

כ׳בין מיט זיי אין שטענדיקדיקן וואַנדער
אין פייער-שלאַקסן, אונטער האָגלען מאָרד.
און ביז אַ האָפענונג עפנט זיך פאַנאַנדער —
פאַלט ווי טרערן און ווי בלוט מיין וואָרט...

נאָר ציטער נישט אַזוי, מיין האַרץ, מיין וווּנדיקס,
נעם זיך ווי אַ וויכער אָן מיט מוט.
ס'איז דיר נאָך באַשערט צו זען אַ ווונדער
אויפגיין פונם אומשולדיקן בלוט...

(כ'וואָלט וועלן זען אַ גאָרטן צווישן גערטנער —
מיין פאָלק פאַרוואָרצלט טיף און הויך צעבליט,
ווי פייגל זאָלן זינגען זיינע ווערטער
און יידיש-קודשדיק זאָל וואַרעמען זיין ליד.)

כ'גיי דיר נאָך מיט שטילע טריט, געהיטע,
ס'טרייבט דיך אום ווי מיך — אַ שפּאָן אין ווינט.
ברודער, ברודער הונט, אַנטלויף נישט, ניטע,
איך בעט דיך דאָך, אָט־ווי מ'בעט אַ קינד.

ס'איז היינט ביי מיר צו־גאַסט געווען אַ חבר,
און איז פאַר מידקייט איינגעשלאָפן אויף מיין בעט.
(ס'ליגט אויף אים דאָס אומגליק ווי אַ זשאַווער,
נאָר הער איך אים — איז ווי ס'וואָלט גאָט גערעדט...)

מיין חבר גייט־אַרום און טרייסט די מידע,
ער שטאַרקט אין זיי די האָפענונג אויף גליק,
און פאַלט אַליין אַ טרייסטלאָזער אַנידער — — — —
קום, ס'וויגט אונז אַלע אום אין ענגע וויג...

אַ קאַלטער רעגן האָט גענומען קאַפּען,
האָט זיך מיר מער דערמאָנט מיין ברודער אין זיין נויט...
קום, מיר האָבן אַלע איין צוקאָפּנס
און איין דורכגעטרערט שטיק אָרים־ברויט.

איך ציטער,
ווי א פארבלאָנדזעטער אין א וואלד אינמיטן נאכט
אין א וואָלקן-בראָך.

שטורעם-בייטשן קאַטעווען די ביימער-לייבער.
בליצן האָבן אָנגעצונדן אלע ראנדן.
א בלוטנדיקער אָפּשיין פאלט אויף מיר און אויף מיין חלום.

די פארצווייפלונג ווארגט מיך ווי א שטריק.
(די פינצטערניש
האָט געצנבילדער אין מיין גלויבנס היילקטום צעשטעלט ...)

איך בלאָנקע אין א וואלד, וואָס ברענט פון אלע זייטן.
די שריפה קומט אלץ נעענטער, זי גייט ...
אָט-אָט — און ס׳רינגלט מיך ארום א פייער-קייט ...

בלינדע בעטלערס טאַנצן אין מיין האַרץ
אונטער אַ צעפליקטער שוואַרצער חופּה.
די שטעקנס און די באָרוועסדיקע טריט
קלאַפּן-אויס אַ מתימדיק געטופּע.

ווי מיט טליתים-שמאַטעס פאָכען זיי
מיט די לעכעריקע קליידער-פּאָלעס,
און פון די ציינערלאָזע מיילער גייט
אַ הייזעריק געציקל פון אל-מלא׳ס.

די טאָרבע-קליידער דעקן נישט דאָס לייב,
און ס׳דעקט נישט צו די שאַנד דער גאַרטל צויטן.
זיי וואָרצלען-אויס די גראָזן אין געטאַנץ
און וואַרפן-איין די שיצנדיקע פלויטן...

זיי ברעכן-איין אין מיר די חלום-בלום
(איך טרינק זי אָן מיט טוי אין די פּאַרטאָגן) —
און זינגען אַ געזאַנג אַזאַ, וואָס קלינגט
ווי האַלבע-נאַכט אין ווינט אַ סאָוועס קלאָגן...

זיי שלעפּן מיך אַריין אין זייער קייט
און בינדן מיר די הענט מיט פּענטעס יאוש,
און מיינע אויגן וויקלען זיי אַרום
מיט שלייערן פון אויסוועגלאָזער זעונג...

און עפּעס לאכן זיי פאַרשייט דערביי,
בשעת זיי וויקלען מיך אין שטריק און בינדן.
ס׳רייסט זיך אין מיר אַפּ[illegible]אַ געוויין —
אַזויווי ס׳רייסט אַ באַרג זיך פון די גרינטן...

טראָפּנס אומקום ציקען אין מיין בלוט,
און פונם צווייפל ווערט אין מיר פאַרצווייפל —
זי פויקט אין מיר מיט אימפּעט און קרעסטשענד,
אין מוח דרייט זי זיך ווי פייער-רייפן ...

איך בײם אַף זיך די שנײדנדיקע קניפּ,
און פּלאָנטע זײ נאָך מער אַף זיך צוזאַמען...
דאָס לעצטע שיפּעלע מיט טרײסט פאַרזינקט
אין די שטורעמדיקע יאוש־ימען.

דער לעצטער שטערן האָפענונג פאַרגײט:
דער גלױבן — ער באַהאַלט זיך װי אַ מײזל...
די ליפּן פון מײן זעל זענען פאַרצערט,
װי אָנגעגליטע ריטקעלעך פון אײזן.

כ׳קום צו צום ברעג פונם קיניגרײך דעליר,
און מער נישט — װיסטונג זעען מײנע אױגן.
אין נעכט פון װײסן װאנזין קומט צו מיר
א כאַפּטע בלינדע בעטלערס אָנגעפלױגן ...

זײ טאנצן ביז זײ פאלן פון די פיס,
און בױגן־אָן די קעפּ ביז צו די טאָרבעס,
און בױגן־אָן די קעפּ ביז צו דער ערד —
ביז ס׳טאַנצן נאָר די קרעצעדיקע האָרבן...

דערנאָך פאַרזינקען זײ און װערן נישט —
ערגעץ אונטער שטיקער חושך־פּלױטן...
אַלע שװינדן; אײנער אָבער בלײבט —
בלײבט ליגן אַ צעטרעטענער, אַ טױטער...

אײנער בלײבט אין מײן פארחרובט האַרץ —
טראָג איך אים, װי מ׳טוט א טױטן טראָגן ...
מײן אקסל ברעכט זיך פון דער שװערער לאסט —
כ׳בין אלײן אי משא, אי פערד־און־װאָגן...

און װי איך טראָג דעם טױטן אָט־אַזױ —
טראָג איך גאָר אַף זיך מײן צלם־תליה — — —

— — — — — — — — — —

א שװאַלב האָט מילד אַ װיש געטאָן מײן שױב —
און װידער האָט אין מיר גענומען בליען...

געטאָ־וויזיע

א שטעטעלע אף שמאַכטנדיקע זאמדן.
הויקער-יידן גלאָצן צו די ראנדן.

מאמעס חרובע אין בלינדע פענצטער,
טאַטעס — ווי באַטאָגיקע געשפּענצן.

שאָטנס טויט אין זייערע באַקן-בעקנס,
די הענט—צו שוואך, אין תפילה זיך צו שטרעקן.

דער הימל איבער זיי — ווי איינגעבראָכן,
און ווי באוואקסן מיט מצבה-מאָכן.

ס׳איז האַלבע נאַכט. א בליצן-שניט אין הימל —
כביכולס קריעה-רים אף זייער אומגליק.

כ׳שטרעק-אוים צו דיר אין תפילה מיינע גלידער,
איך פאל-אוועק אין שטויב צו דיינע פים:
אָ, פארמאך דעם שוים פון מיינע לידער,
די טראכט פון מיין פאנטאזיע — פארשלים ...

לאָז נישט פאלן מער קיין טוי פון שירה
אף די בארג-אַראָפּן פון מיין זעל.
טו-אָפּ פון די סטרונעס פון מיין לירע
דיין גנאָד — זי פאלט נישט מער ווי שנייען-מעל ...

טיליק פון מיין שלאָף די חלום-וויזיע —
זי רייסט די דינע פעדים פון מיין רו.
זי פאלט-אָן אף מיר מיט הייסע שפּיזן,
ווי-נאָר כ׳מאַך די מידע אויגן צו.

די נאַכט איז פול געוואָי פון כסלו-ווינטן,
דער טאָג רינט-אָפּ ווי פון א מעסער-בלאנק ...
שלאָג מיין קראַנק-געוואָרן אויג מיט בלינדקייט,
שלאָג עס מיט דיין פּאָטערלעכער האַנט.

פאַרוואָס צעוויינט זיך עס אזוי מיין האַרץ,
אז כ׳הער די סליחות-טרעלן ?
ס׳בויגן זיך די באלקנס פון מיין זעל
אַראָפּ-צו צו די שוועלן ...

כ׳זע מיין פאָלק אין וואָגלעניש, די טריט —
צעוואונדיקטע פון שטרויכלען;
אין זיינע מידע אויגן שפיגלען זיך
פון שייטערהויפנס רויכן.

ווינטן רייסן פון זיין שטיל געצעלט
די לייוונטענע ווענטלעך.
איבער אלע שליאַכן פון דער וועלט —
לויערער צעשטעלטע ...

די ווינטן טראָגן חורבן אינם מויל,
פארוויסטונג אין די לונגען.
א קלויסטער-גלאָק אין סאמע מיטן טאָג
האָט פינצטער זיך צעקלונגען ...

א יאוש-נעפּל צאמט מיר אָפּ דעם וועג,
איך בעט מיט הענט צעשפּרייטע:
קומט, זיידעס ליכטיקע, און שטייט מיר ביי,
קומט, זיידעס אָפּגעשיידטע.

ס׳הענגט אױף מיר דער טרױער װי א זאק,
און מײן געמיט פארגײט זיך — — —
— — — — — — — — — — —
איר קומט, װי פליגל קרײזט איר מיך ארום —
אָ, זײדעס אָפּגעשײדטע.

כ׳פארמאך, (כדי איך זאָל אײך בעסער זען,)
די אױגן-דעקלעך מײנע —
װערט פול מײן אלקערל מיט סוד-געשאָרך
און פול מיט זוהר-שײנען . . .

איר עפנט מיר א ספר פארן בליק —
ס׳קרישלען זיך פון אלטקײט
די געלע בלעטער — און איר טרײסט מיר אָן:
דאָ ליגט א טרײסט באהאלטן ...

דערנאָך פארשװינדט איר אײנציקװײז און שטיל,
שטיל, װי איר זענט געקומען.
די אנונג, װאָס איר לאָזט אין מיר, איז װײס,
און מײן געבעט — פארנומען ...

און מיר װערט גרינגער, װי נאָך א געװײן ...
א דורות-אלטער ניגון
גײט-אױף אין מיר, װי ליכטיקײט פארטאָג,
און נעמט מײן האַרץ פארװיגן ...

ניטינקע, מיין האַרץ...

וואָס צינדסטו זיך מיין האַרץ, אין מאָרגן-בלוי ?
ענטפער מיר, וואהין דיך ציט אזוי.

פייגל פאלן אפן ווינטער-וועג
אין פראָסטיקע, אין וויכערדיקע טעג ...

איז ניטינקע, מיין הארץ, האַלט-איין אין זיך
דאָס ליד, ביז ס׳וועט אריבער דער געוויך.

ביז די זון וועט קומען ווי א טויב
און טראָגן אין מויל דעם טאָג — א בלויע טרויב ...

אפֿן באַרג-אַראָפּ פֿון מיין געמיט
שטייט מיין חלום-ברונעם, און דער עמער
גיסט-אָן מיט טרוים די לאָגלען פֿון מיין ליד,
ווי האָרבן פֿון אַ קאַראַוואַן מיט קעמלען...

דאָס וואַסער פֿונם קוואַל איז קיל און זיס
און אויסגעזילבערט ווי די שטערן-שיינען —
דער עמער פֿון מיין חלום-ברונעם גיסט
מיט טרוימען אָן די קאַראַוואַנען מיינע.

באַפֿאַלט די מדבר זייער שטילן גאַנג,
מיט סאַמום-בייטשן און מיט שטורעם-זאַמדן;
און ביז ס׳גרייכט צו מיר דער טרוים-געטראַנק —
ליג איך שוין פֿאַרצערט פֿון מיינע בראַנדן...

די נאַכט

די נאַכט וויל מיך פֿאַרשווינען,
די נאַכט איז צו מיר גוט.
זי פֿעכערט אָף מיר רו
מיט איטלעכער מינוט.

די נאַכט איז מיר געטריי,
אַזוי ווי אַ מוטער־שאָף.
זי וויקלט מיך און וויגט מיך
אין װאַרעמע קאָלדרעס שלאָף.

די נאַכט, אַזוי ווי אַ מאַמע,
טרעט פֿון מיין בעט נישט אָפּ.
זי טוליעט צו איר בוזעם
מיין פֿיבערדיקן קאָפּ.

זי קילט מיט אירע ליפּן
די בראַנדן פֿון מיין שלייף,
זי נעמט מיר פֿונעם האַרץ
אַראָפּ די ווייטיק־רייף.

זי זויגט מיך אָן מיט שלאָף
אַזוי ווי אַ מאַמע איר קינד.
כ׳פֿאַרגעס אין אירע אָרעמס
ווי ס׳איז מיר וויי און ווינד . . .

שטערן, שטערן...

קומט דער אָוונט, ווערט דער שניי
בלויער אַלץ און בלויער.
אויף דער וועלט אַזוי פיל וויי
און אַזוי פיל טרויער.

פון דער הייך אַ שטערן בליצט,
גלעט מיט שטילע שטראַלן.
וויפל קינדער פרירן איצט,
וויפל מענטשן פאַלן...

שטערן, שטערן, הער זיך איין,
כ׳וויל דיך עפּעס פרעגן:
פאַרבסט דאָך מיט דיין בלויער שיין
אַזוי פיל ווייטע וועגן.

שטערן, שטערן, הויך און ווייט,
קענסט מיר אפשר זאָגן:
וויפל וועט נאָך נעמען צייט,
ביז ס׳וועט נעמען טאָגן?...

אין חושך האָט די וואָרצלען דער קאיאַר...

איך וואַרג מיך דורך דורך שלאַקסן און דורך שטורעמס.
ווי נאַסע שמאַטעס ליגט אָף מיר די מיד.
נאָר טיף אין האַרצן זאַמלט זיך א ליד,
העפט־צעשנויף די טענער און ווערט פורעם.

דער ווינט טראָגט אין דער פויסט א שווערד א בלאַנקע —
ער קאַטעוועט מיין טראָציק לייב מיט איר.
דער ווייטיק צאַפּלט זיך אין ליד ביי מיר.
דורך בלוט און ווייטיק בין איך אויפגעגאַנגען.

פון זיך אליין קומט פונם האַרץ דאָס זינגען.
די פויסטן שטשעמען זיך פון זיך אליין.
דעם ווינט אין פנים אָט־אַזוי צו גיין —
מיט א צו־להכעיס־ליד אין האַרץ — איז גרינגער ...

פון אינעווייניק וואַרעמט מיך דער גלויבן.
כ׳וועל זיין דער עדות פון א העלער וואָר.
אין חושך האָט די וואָרצלען דער קאיאָר...
כ׳וועל נאָך מיט פרייד־געוויין דעם מאָרגן לויבן ...

שובי נפשי למנוחיכי...

פון דער סאַמע פיגצטער הויבט-אָן שפּאַנען,
הויבט-אָן טאָגן, הויבט-אָן זיך דערמאָנען...
באַרואיק זיך, באַרואיק זיך, מיין זעל...

די זון גייט-אויף, אין אירע פליגל — טרייסטונג.
שוועלבעלעך יונגע צווירקען אין די נעסטן...
באַרואיק זיך, באַרואיק זיך, מיין זעל...

די ערשטע הענער קרייען-זיך שוין איבער...
די ערשטע שוואַלבן צירקלען-ארום די שטיבער...
באַרואיק זיך, באַרואיק זיך, מיין זעל...

דער מאָרגן גייט — אַ לייכט-פּיסיקע אינדן —
די בלויע טריט — געשווענקט אין בשורה-ווינטלעך...
באַרואיק זיך, באַרואיק זיך, מיין זעל...

די ברידער-ליבשאַפט איז אין בלוט געריניקט —
דעם יינגסטן האָט דער ברידער-האַס פאַרפייניקט...
באַרואיק זיך, באַרואיק זיך, מיין זעל...

אין דרויסן וועט דער טאָג זיך באַלד צעקלינגען
מיט נייער פרייד — אַ פעלד מיט שמעטערלינגען.
באַרואיק זיך, באַרואיק זיך, מיין זעל...

גרינע בלעטער, ליפּע־צווײַט —
זינג מיר, זינג אַ ייִדיש ליד,
אַז דאָס האַרץ זאָל זיך צעגיין
אי פון פרייד, אי פון געוויין.
לאַנגע העלדזועלעך פון קריפּ —
זינג אַ ליד, וואָס איך האָב ליב,
זינג מיר, זינג אַ ייִדיש ליד —
גרינע בלעטער, ליפּע־צווײַט.

שוואַלבן־ליבע אויפן דאַך
הער איך אין מײַן מאַמעס שפּראַך.
ווי פאַרגייט זיך מײַן געמיט
פון איר וווּנדער־ליכטיק ליד!...

בלויע קעפּעלעך פון ליאָן —
כ׳בין אין ליאַנעס אָנגעטאָן
און פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק
און ס׳איז פון מיר ווײַט דאָס גליק
ווי דער הימל פון דער ערד...
ברוינע קוקורוזע־בערד —
אַז מ׳טרײַבט מיך פון מײַן הויז
אין דער בייזער וועלט אַרויס
און דער הונגער שנײַדט אין בײַן
און איך וואַרג מיך מיט געוויין —
עס איך אין דער וואָגל־נויט
פון מײַן מאַמעס שפּראַך דאָס ברויט
און טרינק די מילעך פון איר ליד —
פאַלט פון מײַנע פּיס די מיד
און אויף מײַן האַרץ דער ווייטיק־שטיין
ווערט אַלץ גרינגער, נעמט צעגיין — — —

ווײַל אַ נבואה זאָגט מיר פיר,
און וויגט אום דאָס האַרץ אין מיר —
אַז כ׳על נאָך גיין אין אַ יום־טוב־קלייד
און כ׳על נאָך זינגען נאָר פון פרייד —
מאַנדל־ניסלעך מיט קישמיש *) —
שונאים אויף צעפּיקעניש!

*) ראָזשינקעלעך

אין וואַלד

ס׳זשורזשעט אַ ווינט אין די צווייגן,
— ס׳שמעקט מיט צעבליטן מאַי —
ער קושט זיי די נאַקעטע קני
און פאַרשווינדט ערגעץ אין דער בלוי.

די צווייגן שטרעקן-אויס די גלידער
און צאַפּלען נאָך אים נאָך . . .
אַרום און אַרום איז שטילבלעך
און יום-טובדיקע וואָך.

* * *

דאָס קריכוואַרג ווידמעט זיך, מערט זיך
אין קוסט, אין גראָז און אין מאָך.
פון איטלעכן ברעקל ערד הערט זיך
יצירה-געזשום-און-געשאָרך.

פונם קריכוואַרג אין די גראָזן
הערט זיך אַ צווירקען אַ דינס.
אַף גאָטס געבענטשטער ערד
געפינט איטלעכער זיין געפינס . . .

אין אַ גין-גאָלדן שיפּעלע
— מ׳הערט, מ׳זעט עס קוים —
שווימט-אַרום אַ פּישטש פון אַ פייגעלע
אַף די כוואַליעם רוים.

דאָס פייגעלע, מיינט איר, פּישטשעט ?
דאָס פייגעלע שרייט: געוואַלד! . . .
~~ערגעץ שרייט אויך~~ דער באַשערטער
אַזוי געפינט מען זיך אין וואַלד . . .

די גראָזן קושן זיך אין וואקסן.
אַ ווינטל ראָספּערט זיך פאַרביי.
די נאַכט האָט אַלע טעמים
און שמעקט מיט צעבליטן מאַי.

א ווינטל כאַפּט זיך ערגעץ אויף
און שטעפּט-אַדורך דעם וואַלד.
די ביימער שאָרכן זיך איבער —
זיי דערקענען דאָס ווינטעלע באַלד.

דאָס איז דאָך דאָס אָוונט-ווינטל,
ווער דערקענט עס נישט?
אַזויווי א וואַסערל ריזלט עס אָן
און קילט די לופט און פרישט.

די ביימער פאָכן מיט די צווייגן
און מאַכן: אַ! ס׳איז גוט!...
בלייב, דו טייער ווינטעלע,
כאָטש אף נאָך א מינוט.

ווי קען איך, ליבינקע, בלייבן,
אַז דער וואַלד איז אַזוי גרויס?
איר, קיין עין-הרע, זענט אַסך,
און איך בין איינער בלויז.

* * *

פייער-פליגעלעך קומען-אָן
פון אונטער א קוסט אַפיר.
איטלעכס לאַמטערן-שייבל
פינטלט אַן אַנדער קאָליר.

די פּיצעלעך לאַמטערנדלעך
טראָגן זיי אף זיך
אַזויווי ליכטיקע האָרביקלעך,
אַזויווי טאָרבעלעך ליכט ...

די זילבערנע פליטערלעך אין דער הויך
פינטלען אויך אַזוי —
פּערל-גרין און דימענט-ווייס
געמישט מיט שטערן-בלוי.

לבנה-טוי פאַלט אף די גראָזן.
די גראָזן מאַכן: אַ!...
דאָס אָוונט-ווינטל איז שוין דאָ צוריק:
ש-ש-שאַ...

אונטער בײמעלעך צעבליטע,
אין לבנה-שײן,
שפּילן-פידלען שרעטעלעך
גרילצינ׳ס טרוימערײען ...

פידעלעך — בלעטלעך גרינע,
סמיטשיקלעך — פּעדים גראָז,
גאָלד-געוועבט [redacted] די פאַנטאַזיע,
דינער [redacted] פון דינסטן גלאָז.

דער עלטסטער פידלער טאָרקעט:
„ברידערלעך, דערלאַנגט
דעם פידעלעס נשמה,
דער סטרונעס וואונדער-קלאַנג ...

אנו, דערלאַנגט א טרעמל —
דער וואלד זאָל זאָגן: אך!...
ווער נאָך קען אזוי באַצויבערן,
ווי פידל-סטרונע-שפּראַך...

און אז א סטרונע טרישטשעט —
בלײבן סטרונעס דרײ,
נאָר דער ניגון ציט זיך װײטער
און די טרוימערײ ...

ביז ס׳וואקסט א נײע סטרונע
אינם שפּיל-קונסט-ברען ...
זאָל דער וואלד זיך חידושן,
וואָס קאַפּעליע קען!...״

דאָס וועלדל הערט זיך צו
צו די טײערע כלי-זמר-לײט,
ווי צו נישט קײן היגע,
נאָר פון ערגעץ װײט...

אַט א טידלדידלען!
א צובאַמקען צום טאקט!
דער באַס ווייזט סאמע קונצן,
ער ווערט אזש שיר צעקנאקט.

דאָס פאָרט מען פון א חתונה,
צי מ׳קומט צוריק?
אַף די סטרונעס טענצלט
ווי א נישט-גוטס דער סמיק.

די פּלאטשיקלעכע פּייקעלעך
ווערן שיר צעפּלאצט;
מ׳זעט אזש נישט די שטעקעלעך —
בייץ און בויץ און באַץ!

ביי א יאגדע אין אויג
האָט זיך א טרער צעגלאנצט:
וואָלט זי זיין א כלה,
וואָלט זי איצט געטאנצט

די יאגדע איז אָנגעגאָסן
מיט זאַפטן — קוים און טרינק ...
ס׳נעמט זי א נישט־באשיידטער סוד
ארום ווי אן ענגער רינג ...

די סטעליע פון דער נאכט
איז מיט שטערן באַהאָנגען געדיכט;
זיי ווינקען צו א בעקן בלומען,
וואָס בלישטשעט אין לבנה-ליכט ...

א מיידל-ברעזע טוליעט צום האַרץ
פון א בחור-דעמב איר קאָפּ;
די פייער-פליגעלעך ווינקען
זיך איבער און ציען אָפּ ...

דאָס ביימער-פּאָרל נעמט זיך ארום — — —
די לבנה אין דער הויך דעקט-צו
איר פּנים מיט א ליכטיקער וואָלקן-האַנט —
מיט-זומער-וואלד-נאכט-רז...

„כ׳על דיך אייביק ליבענען,
מיין שאין, מיין ענגל, אך!...״
האַלבע שאָרכן ציטערן —
ביימער-בלעטער-שפּראַך ...

א געבלענד און א געבלעזל
אין דער בלויער בלעטער-דעק...
א ווינטעלע האָט אָנגעיאָגט,
זיך אויסגעדרייט — און אוועק...

אינם ביימער-יונגוואַרג
גייט-דורך א וואַרעמער סקרוך —
און אות איז אראָפּגעפאלן
פונם צעעפנטן שטערן-בוך...

* * *

ערגעץ וויינט אַ גרעזעלע —
ס׳איז אים אין וועג א שטיין...
דאָס פידעלע פארגייט זיך
מיטן גרעזעלעס געוויין ...

א פעלד-מויז גיט א קוויטשיקל —
זי גייט נעבעך שווער צו קינד.
פארוואָס זאָל א מייזעלע ליידן
פאר אָדם מיט חוה׳ס זינד?...

ס׳אָטעמט אזוווי א מענטשלעך לייב
די מיטן-זומער-נאַכט.
לבנה-שלייערן פאָכען — — — —
די קאַפּעליע האָט זיך פארטראכט...

צווישן בוים און ביימל —
בערגלעך פליטער-גאָלד.
שטייט זיך א בעל-דרשן
און ער שיט און מאָלט.

ס׳געפעלט אים נישט דאָס פירעכץ
פון די כלי-זמר-לייט.
ז י י שטייען און זיי שפילן,
און ע ר — ער שטייט און שרייט.

ער שרייט ווי א באנומענער,
נאָר ווער הערט זיך דען צו?
די קאַפּעליע מאכט: דזין-דזין!
דער וואַלד מאַכט: זשו-זשו-זשו...

„אָ, ווידערשפּעניק פאָלק, דו,
אָ, נישט-פארגינער -האָרד!
אָ, איר כבוד-זוכער —
אָ, הערט מיין נביא-וואָרט.

געוווג זיך שוין געריסן
נאָך כבוד; קוקט אף מיר —
מיט א שטעקן טרייב איך
דעם כבוד פון מיין טיר .. .

דאָס איז מיין פּראָפעסיע:
כבוד-טרייבעריי.
זעט, ווי איך הויב דעם שטעקן —
אָט שטייט איר דאָך דערביי...

נעמט מיך פאר א משל,
נעמט קיינעם-נישט, נאָר מיך —
נישטאָ אין גאנצן-גאנצן וואלד
א צדיק אזא ווי איך.”

ער שרייט ווי א באנומענער,
נאָר ווער הערט זיך דען צו ?
די קאַפּעליע מאכט: דזין-דזין!
דער וואלד מאכט: זשו-זשו-זשו...

אַ יאַגדע

שטייט אַ יאַגדע — אַ רובין —
און זי בעט זיך: קום, געפין...

כ׳על אַזוי קיין סך נישט שטיין —
קום זשע גיכער, קום צו גיין...

די סטעזשקע אין וואַלד — זי שלענגלט זיך;
גיי זיבן שפּאַן — געפינסטו מיך.

זיבן שפּאַן — און בויג זיך איין —
כ׳שטיי אין מילדער שאָטן-שיין
פון אַ גרינעם חופּה-דאַך;
קום, נישט ישוב זיך קיין סך...

עלפן *)

צווישן צווייג און צווייגל —
ציטער-זילבער-שטריק;
עלפן טאַנצן-אום אױף זיי
און וויגן זיך הין און קריק...

און אין אַ טייכעלע דערביי —
עלפן אין אַ באָד;
זיי טאַנצן אױפן וואַסער-פלאַך,
ווי אױף אַ פעלד — אין אַ ראָד ...

זיי זענען געצירט אין נאַקעטקייט
און ווינקען אין וואַלד אַריין
צום סאַמע יינגסטן פידלער —
מיט זייער שטילער שיין ...

דער פידלער קוקט-אַריבער
צום טאַנץ פונעם עלפן-קרייז — — —
ער פילט נישט, ווי ס'טראָגן אים
אַהינצו זיינע שפּרייז . . .

די קאַפּעליע ווערט אַלץ שטילער...
ער איז שוין ווייט אַוועק;
ביי אים אין האַנט דאָס פידעלע
ציטערט ווי אין שרעק.

*) לעגענדאַרישע וואַלד-מיידעלעך.

„גיטע ציטער, פידעלע,
לאָז מיך אזוי גיין.
אוי, ווי ס׳ווינקען די עלפן —
כ׳קען עס נישט איבערשטיין.״

און ווי ער קומט צום טייכל צו,
זעט ער א טייכל א צווייטס —
דאָרט גאָר זענען די עלפן,
און די סטעזשקע איז מיט ליכט געשפּרייט ...

גייט ער — און דאָס פידעלע
ביי אים אין האַנט זאָגט: „אוי,
די עלפן, קינד, — זיי נארן דיך,
זיי נארן דיך אזוי...״

און ווי ער קומט צום טייכל צו,
זעט ער א טייכל א דריטס —
דאָרט גאָר זענען די עלפן,
און די סטעזשקע איז מיט צויבער באשפּריצט...

גייט ער — און דאָס פידעלע
כליפּעט: „אוי, געוואַלד!
אָט איז דאָך שוין אוים די נאכט
און אָט איז אוים דער וואַלד...״

ער דרייט זיך אום און הערט זיך איין...
„וויי מיר, די קאפּעליע ווו איז?״
און אין אים דאָס הערצעלע
גיט זיך א וואָרף און א ריס...

וואָס האָסטו זיך, טייבעלע, אזוי
באַהאַנגען מיט צווייט און מיט פּערל?
ווייל עס קומט זיך היינט טוקן אין מיר
אַ ליכטיקער, ליכטיקער שטערן...

וואָס חנדלען זיך דיינע בלעטעלעך,
בעריאָזקעלע, ווי בלומען?
אַ שטערן האָט מיר צוגעזאָגט,
אַז היינט וועט ער צו מיר קומען...

אַ מוראַשקע שלעפֿערט־איין איר טעכטערל

.1

שלאָף שוין, ליכטיק פּנים מיינס.
וויפל איז דער שיעור,
כ׳זאָל דיך אַזוי העצקען
אַף די הענט ביי מיר?

אָט איז שוין דער אָוונט
צוגעפאַלן שטיל.
אַ ווינטל קלאַפּט אין פענצטער,
נאָר ס׳זאָגט נישט וואָס ס׳וויל.

פון ווייטע, ווייטע לענדער
קומט דאָס ווינטעלע צו גיין —
זשו-זשו צווישן די בלעטעלעך —
מ׳קען עס נישט פארשטיין.

איי-ליו-ליו, אַנטדרימל
און פלי אין חלום-לאַנד.
דער טעם פון וואָר, מיין אויג אין קאָפּ,
איז דיר דאָך גוט באַקאַנט...

איי-ליו-ליו, מיין אוצר,
שלאָפעניו, מיין קינד.
ס׳איז דיר היים ס׳קעפל —
ווי איז מיר און ווינד.

ביסט ערשט אַראָפּ פון בעטל,
ס׳איז נאָך נישטאָ קיין וואָך.
מיך זוכט-אָפּ ווו נאָר אַן אומגליק
און ווו ערגעץ א בראָך.

כ׳זאָל דיך קענען האָדעווען
מיט יויך און קיכל-טייג,
וואָלט איך געשלאָגן כפרות
מיטן דאָקטער און מיט דער אַפּטייק.

ווו זשע זאָל איך נעמען,
אז דיין טאַטע ליגט אין דר׳ערד?
אַזאַ פינצטער לעבן,
פאַרוואָס איז מיר באַשערט?

כ׳האָב געמיינט, דו עקסט זיך,
נישט-איצטערטאָ-געדאַכט,
טאקע נאָר מיינע טרערן
האָבן בטל געמאַכט דעם גזר.

און אפשר האָט זיך דיין טאַטע,
ער זאָל זיין אין גן-עדן, געמיט.
ער האָט דאָרט מסתמא אַ דעה —
געווען אַן ערלעכער ייד.

איי, פאַרוואָס ר׳איז געגאַנגען
פון דער וועלט נעבעך אַזוי יונג?
דאָס טאָר מען גאָט נישט פרעגן;
נאָר דער מענטש האָט אַ זינדיקע צונג.

הער זשע אויף צו וויינען,
מאַמינקע, אָט-באַלד
וועט אויפגיין די לבנה —
אַ פאַרטראַכטע כלה-געשטאַלט...

איר ווייסע שלעפּ וועט זיך ציען
ווייט איבער בארג און טאָל...
דאָס טייכעלע ט׳באַהאַלטן זיין פליוסקען,
און דאָס ווינטעלע — דעם פייפיאָל...

און בלויע צויבער-רייפן
וועלן פאַלן פון דער הויך,
און די וועלט פאַרוויגן
און דיך, מיין לעבן, אויך...

.2

שאַ, מיין טייער לעבן,
שלאָף שוין, מיין פאַרשוין.
דער טאָג האָט זיך שוין אויסגעטאָן
די זון — זיין גאָלדענע קרוין.

אַ ווינטל ברענגט דעם ריח
פון אַ פרישן סטויג.
האָסט יענע נאַכט, קיין עין-הרע׳ינקע,
נישט אויפגעמאַכט קיין אויג.

נישט אויפגעמאַכט קיין אייגעלע,
הלוואי אַף היינטיקער נאַכט.
ס׳האָט אַ גוטער מלאך
איבער דיר געוואַכט.

דיר איז שוין בעסער אַקאַפּעלע,
זיין ליבן נאָמען אַ לויב.
ס׳איז שוין טיפער אָוונט —
שלאָף, מיין ווייסע טויב.

כ׳על זיך אויך באַלד לייגן,
כ׳האַלט אָפּן די אויגן קוים.
כ׳בין אַף די פיס נאָך פון העט-קאַיאָר,
און דער טאָג איז שוין גרוים ווי רוים.

שלאָף, כ׳על דיר דערציילן
אַ מעשהלע, נימע זשע וויין —
ווי די לבנה האָט אָנגעווירן
פון איר פינגערל אַ דימענט-שטיין . . .

איינס פון די שענסטע דימענטלעך
איז איר פונם פינגערל ארויס —
און איז אַריינגעפאַלן
צו אַ שרעטעלע אין שויס . . .

האָט זיך דאָס שרעטעלע אומגעקוקט,
צי זעט עס קיינער ניט —
און איז צו אַ בלעכערל אַוועק,
מיט גיכע, גיכע טריט . . .

„וויפל קענסטו מאַכן
לאַמטערנדלעך פאַר מיין שטאָט
פון דעם-אָ וונדער-שטיינדעלע
פונם שטערן-ים ? . . ."

„פון אַזאַ-אָ שטיינדעלע,
אַך און עך און אָך! —
מאַך איך דיר לאַמטערנדלעך
גאָר און גאָר אַסך..."

„נו, מאַך זשע, טייער בלעכערל,
כ'על דיר באַצאָלן פיין.
נאָר פֿאַל-אָן איטלעכס לאַמטערנדל
מיט לבנה-שיין . . ."

און אַזוי איז טאַקע געווען,
און אַזוי איז עס ביז היינט —
פון איטלעכן לאַמטערנדל
די לבנה שיינט . . .

נו, שאַ, מיין טייער לעבן,
ליולינקע, מיין קרוין —
אַמאָל איז געווען אַ מעשהלע,
געוועזן — און אוים — און שוין . . .

מאָרגן־גאָלד

מאָרגן-דעמער זיפּט זיך
דורך דער צווייגן-זיפּ,
ווינטשט דער נאַכט א גיי-געזונט
און קושט זי אַף דער ליפּ.

דאָס מאָרגן-ווינטל כאַפּט זיך אויף
און גיט זיך א וואַלגער אין היי.
אין דער לופטן העפּט זיך
א גאָלדענער געניי.

ווינטל-שאָרכן ריזלען
די ביימער אַף די קעפּ.
אין דער לופטן ציען זיך דורך
גאָלדנדיקע שטעפּ.

אַ גאָלדענער געפעדים,
אַ גינענער געהעפּט —
דער וואַלד מאַכט אויף די אויגן
און בלייבט שטיין געפּלעפּט . . .

און הייבט שטיל אָן צו דאַווענען
וואָס אין פרק-שירה שטייט —
פייגל-כאָרן שפּילן צו
מיט אַ גאָלדן, דין געפּלייט . . .

„ווי זיס זענען דיינע רעגנס !
ווי ליכטיק דיין תכלת-קלייד !
ווי שמעקעדיק — די ווינטן !
וויפל ווינדער — אין וואַסערלס רייד !

וויפל חכמה אין אַ זעמדעלע ערד !
וויפל טרוים אין אַ טראָפּעלע טוי !
האָסט דעם וואַלד באַשאַפן
שיין און גוט אַזוי...״

דער גאַנצער וואַלד זאָגט שירה,
דער גאַנצער וואַלד זינגט לויב — — — —
דער מאָרגן קומט צו פלאַטערן,
אַזויווי א יונגע טויב . . .

אַ טרעל

אַ פייגעלע איז פאַרבייגעפלויגן
און פון אַ זילבערן טעפּעלע
אויסגעשיט אַ שורה ליכטיקע טרעלעכלעך —
פּערלנע גלעקעלעך
ווייס-ווייס-ווייסינקע...

האָבן זיך די גלעקעלעך אויפגעצייליעט
אַף אַ פּאָדעם זון,
און דאָס שנירל האָט זיך פאַרטשעפּעט
צווישן צוויי יונגינקע ברעזע-צווייגעלעך —
און זיך צעוויגט ווי אַ וויגעלע...

א ווינטל האָט באַנאַכט צעקעמט
די צויטן אינם גראָז —
באַנעצט דאָס קעמעלע אין טוי,
געקעמט ווי מיט אַ בלאָז ...

דאָס אייגענע — די ביימעלעך:
דעם ברעזקעלע צעקעמט
די צעפּעלעך די גאָלדענע,
די טשופּרינע — דעם דעמב.

די ברעזע שטייט אין דער פריער זון —
אַ ווייסע מיידל־געשטאַלט:
מיט צאַרטע סטענגעלעך פּערל־טוי
די צעפּעלעך באַשטראַלט.

זי שטייט און קוקט צום יונגן דעמב
און הנדלט זיך און צירט —
אַט־ערשט האָט איר מאַמע אין חלום־דאַכט
זייביידע צו דער חופּה געפירט ...

דער יונגער דעמב — ער טרייסלט־דורך
דעם קאָפּ קוטשעראַווע האָר:
איי, ביסטו אַ כלה —
אַף אונז ביידע אַזאַ יאָר!...

די זון וועקט מיט אַ קוש
די פייגעלעך אין די נעסטן,
דאָס בערעלע אין נאָרע
און דאָס וועווריקל אין בוים —
ביזן קלענסטן בריאהלע,
וואָס מ׳זעט עס קוים...

די זון, די מאַמע זעט זיי —
זיי זענען אירע קינדער:
דאָס כרישטשעלע, דאָס גרעזעלע,
דאָס ווערעמל אין היי,
און דאָס שטילע כוואַליעכל
אין טייכעלע דערביי...

און אויך דאָס גרויע צלמל,
וואָס אומעטיקט אין פעלד
אַפן קבר פון אַ בעטלערל,
וואָס האָט פאַרשפּילט זיין וועלט...

ביין גאגם

פון איבער יעדער אָרימער און הינקענדיקער טיר
גלאָצט אַראָפּ א יויזל, א פּאַפּירנס,
אין קאָלירן:
מיט צוויי צעשטרעקטע הענט
און מיטן קאָפּ פאַרדרייט
אַרויף-צו-צו...

צי אין דער דערנער-קרוין, געקרייצטערהייט.

צי בלויז א האַרץ, מעליאַווע-רויט,
פון וועלכן ס'שלאָגט א פלאַם —
דאָס יעזוס-האַרץ, מסתמא,
וואָס ווערט פאַרבערענט
פון ליבע צו די קינדער פון דער נויט...

דאָ בליען
נישט די קינדערלעך ווי בלומען אין דער זון,
דאָ געלן זיי ווי גראָזן אונטער שטיינער.

אין די ביינער
גיסט זיך נישט דער גרינער יוגנט-זאפט,
ווי אין די צווייגן חודש יון,
נאָר שפּענדלעך טליען
פאַרן שייטער פון טשעבאָטע . . .

כ׳קוקט נישט פון די אייגעלעך ארויס
פון זעט דאָס גליק,
דאָס פייערל פון פרייד;
(דאָס קעלער-הויז
איז פול מיט פינצטערקייט.)

דער קאַטערינקעס גאַס-מוזיק
צעליטערט בלויז אַמאָל אין זייערע אייגעלעך דעם בליק. .

סיי ס׳איז פרילינג גרינער,
סיי ס׳איז האַרבסט, סיי ווינטער —
קרעציקן אַף בלייכע טירן צעטלעך — וואָרענונגען:
„מאָזלען!” „דיפטעריט!” און „שקארלאטינע!”
און ס׳באקומט זיין חלק יאָר ביי יאָר
דער צווינטער . . .

דעם קלויסטערס גלעקער־צונגען
זאָגן־אָן מיט לייכטע קלינג:
„אַוועק א קינד . . .”
דער גלח קומט און שינדט
און גאָר . . .

(ס׳איז נישט וואָר,
אז קינדער שטארבן מיט א שמייכל אַף די ליפּן:
מעג עס שטיין
פארשריבן
ערגעץ אין א מעשה, מיט א תוך א טיפן־טיפן...)

די שטיבער
זענען אויסגעהוילטע,
אויסגעפוילטע
ריזן־ציין,
וואָס האָבן גאָרנישט אזוי ליב ווי קינדער־פלייש ...

די יאטערדיקע סטעליע איז אויסגעבויגן
ווי א ריש
און פארצוקט די יאָרן ווי א שנאָבל פון א ווילדן פויגל.

די מאַמעס קינדלען דאָ יאָר-איין — **יאָר אויס**
און ווערן-אָן די פרויען-חנען
פרי.

פאַרנאַכט. דער טאַטע פאַלט-אריין אין הויז
— די מידקייט האַקט אים אין די קני —
און טרעפט די קינדער וויינען
(סיי נאָך ברויט און סיי אזוי),
און טרעפט די שטוב נישט צוגעראַמט
און קלאָגנדיק די פרוי,
און אף זיין פנים פלאַמט
דעם אויפזועערס אַ זידל-וואָרט — נאָך פון באַטאָג,
און אַ מאַשינס א רעדל איז אוועק אין יאָג
און איז אריין אין קאָפּ
און לאָזט נישט אָפּ — ———

גייט-אוים די ביטער
פונם טאַטנס גרויע טעג
צום קינד-געזועס — — — —

די פינגער-ריטער
צייכענען די אלף און די בית,
וואָס עפענען דעם קינד דאָס לעבנס-בוך, דעם לעבנס-וועג...

די קעלערדיקע שטיבער זענען וווּנדן אָפענע, צערירטע.
דורך אַ פאַרקיסנעט פענצטער טריפט-אַריין די טריבקייט
פון דער גאַס

און ווערט פאַרמישט
מיט קאָפּטשענדיקן ליכטל
אַפן טיש
און מיטן בלויען פלעמל גאַז,
ווו ס'קאָכט זיך אין אַ טשערעפּ אַ געריכטל.

דאָס פילדערדיקע לויפן פון די שטשורעס אין די ווענט —
ווי שפּילקעלעך רעמאַטעס אין די הענט.

דאָס ציקען פונם קראַנקן, וויינענדיקן וואַסער-קראַן —
דעם אָרעמענס פּאָרטעפּיאַן...

דאָ רייסט־אַראָפּ דער ערשטער שפּראָץ אַף טאָג,
דער ערשטער בייט,
דעם שלאָף פון אלע בעטן —
די פאַבריק איז ווייט
און ווי איז יענעם וואָס פאַרשפּעטיקט
גאָר־דעם־ערשטן רעדער־יאָג . . .

דער מאָרגן־הימל קומט נישט ווי קיין בלויער פויגל
אָנגעפלויגן,
קושנדיק די שויבן —
נאָר ער גיט אַ דונער — ברויט!...

די וואָלקן־לעמעלעך — זיי פּאַשען־זיך פון אויבן,
אַף די אומענדלעכע לאָנקעס —
אונטן בלאָנקען
מידע בערן נויט . . .

ס׳טרעפט זיך אָפט,
אז ס׳טראָגט א מאמע אונטערן הארין א קינד
און שפּינט
ארום דעם דרימלענדיקן לעבן אין איר אינגעווייד
חלומות אלערליי . . .
ביז ס׳קומט די מזלדיקע שעה —
זי טראָגט עס אויס, מיט וויי . . .

נאָר ס׳איז דער מאמען נישט באשערט
קיין פרייד —
דאָס ליכטעלע פארלעשט זיך נאָך א חודש-צוויי
און ס׳נעמט עס צו צוריק די ערד . . .

דער מאמען בלייבט אין הארין א ווונד,
וואָס היילט זיך נישט, זי נעמט זי מיט אין גרוב.
דער מאמען פלאפלט-נאָך אין שטוב
דעם עופעלעס גערייד — — —
און ווו זי שטייט און גייט,
זעט זי דאָס קינד פאר זיך
און חשבונט אין געדאנק, ווי אלט עס וואָלט געווען אצונד . . .
דער מאַמען בלייבט א וויטיק-שטריק ארום דער דיך . . .
דער מאמען בלייבט א טרויער-כמארע אין געמיט,
און פון די ליפּן ווײנט ביי איר אראָפּ א נישט-דערזונגען וויגן-ליד.

פֿאַר מײַן פֿענצטער שטייט אַ בלינדע מויער.

אין שכנות בלאָנדזשעט עמעץ מיט די פֿינגער אַף אַ
כריפּיקן קלאַרנעט,
ווײַל אויסשפּילן אַ גאַמע...

אוי, מאַמע,
ווי וואָלט אויפֿגעזונגען אָט־די גאַס, די גרויע —
ווען זי זאָל האָבן ברויט צו זעט!...

טרעפט אמאָל, אַ קאַטערינטשיק
קומט צו גיין אין אַ באַטאָג —
גיבן זיך לאָז די קינדער
און ווי הינטלעך זיך אַ יאָג.

און נאָך אײדער פון דער פליצע
ס׳רוקט זיין קאסטן זיך אראָפּ,
און נאָך אײדער ער גלייכט-אויס
דעם אַלטיטשקן און מידן קאָפּ —

רינגלט אים אַרום דאָס קליינוואַרג
מיט אַ נייגעריקן קרייז:
„שפּיל אונדז, גאַסט דו גוטער,
און דעם פּאַפּוגיי אונדז ווייז...

ווייַ, ווי לאַנג מיר וואַרטן אַף דיר,
און ווי לאַנג אַף דיין מוזיקו!"
און דער אַלטיטשקער נעמט שפּילן
און ס׳פאַרטרויערט זיך זיין בליק...

און ס׳צערוקן זיך די הייזער,
און ס׳צעעפנט זיך די גאַס,
אין דער הויך ווערט אלץ ברייטער
אויך דער שמאָלער הימל-פּאַס...

און די קינדער נעמט זיך דאכטן
אַז די זון האָט זיך צעשפּילט,
און ס׳וועט זייער גאַס ~~נישט זיין~~ שוין
~~מער~~ אין שאָטנס איינגעהילט...

און דער אַלטער קאַטערינטשיק
וועט אַזוי שוין שטענדיק שטיין
און די קאַטערינקע דרייען —
פון דער פרי ביז זון-פאַרגיין...

טעג אזוינע

דער טאָג
איז צוגעבונדן אַף דער קייט.

דער אויער
דאָרשטיקט נאָך מאשינען-רייד,
נאָך דער טראנסמיסיעס הילצערן זיפצן אין געיאָג.

די פינגער
צינדן זיך מיט טרויער
אלעמאָל,
ווען דער סירענע-רוף דערגרייכט פון טאָל —
און דעמאָלט שניידן טיפער פון דער קייט די רינגען...

מיר בענקען נאָך דער מיד, וואָס פלעמלט אין די גלידער
נאָך אן אָנגעפילטן טאָג מיט זיסער ביטער.
און נאָך שלאָף, וואָס גיסט פון פולע קאַנען פרישע כוחות...
(כאָטש מיר זענען שניטער
נישט אף אייגענע, אף פרעמדע פעלדער —
זענען אָבער אייגענע די לידער...)

* * *

הונגער-קאראוואנען
ציען-זיך אף אלע וועגן,
שניידן-דורך די פליינען.
(פון דער הויך פאלט א רעגן —
דאכט זיך, אז די הימלען וויינען . . .)

אין די שלייפן האמערט שטום און שטאָלין דאָס מאָנען.
(אין די הערצער ליגן נאָך צעניפגעוויקלטע די רויטע פאָנען...)

און דאָ קרעכצן גערטנער אונטער לאסטן פירות,
און דאָ גיסט די זון די זאַנגען אָן מיט זעט,
און דאָ כישופט פון דער וייט א שטאָט פאלאצן —
איטלעכן א שטוב, א טיש, א בעט . . .

און דאָ טראָגט זיך וואלד אף ~~גרינע~~ גרינע כוואליעס,
און דאָ טראָגט זיך אויל און ווייץ און וואָל,
און דאָ לאָקן יום-טובדיקע קליידער,
און דאָ ווינקט דאָס גליק פון הינטער ווענט קרישטאָל . . .

ווי שיין דו ביסט, קאנאדע, ווי באגערנסווערט!
נאָר אף דיין ערד,
אף דיינע פליינען
די באזונטע,
וויינען
וונדן . . .

דעמאָנסטראציע

די רויטע פאָן גייט-אויף פון אונדזער בלוט ארויס,
און ווי וואָלקנס — רעגן,
טראָגט זי אָנזאָג אין איר שויס . . .

אף די וועגן
שוועבן-אום פארהארטעוועטע רייד,
און ס׳לעכצט-ארויס פון הונגעריקע העלדזער
ווי פון א בייך-געשניצטער פלייט:
„אָ, לאָ׳מיר מער נישט זיין צעשיידטו!״

ס׳זינגען-מיט
דער הימל מיט דער ערד . . .
(פון ביידע זייטן — פּאָליציי אף פערד.)

נאָר א סיגנאַל
דערלאנגט א שפריין, א צייכן גיט —
און הענט באקאָוועטע
צעהוליען זיך אף פלייצעס און אף קעפּ,
ווי טשאטעס אָנגערייצטע הינט.
די שארבנס קנאקן ווי די טעפּ.

אַ מאַמע דעקט מיט בײדע אָרעמס צו דאָס קעפּל פון איר קינד.

א שאָס דערלאַנגט א קנאַל.
א קערפּער טוט א פאַל . . .
מ׳לויפט . . .
מ׳שרײַט . . .
מ׳ רופט . . .
א לעצטער „אוי!"
שנײַדט-דורך די לופט.

א פרוי
אין א צעפליקטן שאַל
פאַרברעכט די הענט
אין א געוויין.

— — — — — — — — — — — — — —

די זון פאַרגייט שוין, נאָר זי שיקט פון ערגעץ ווייט
א שטראַל —
א גרוס . . .
(ער וויקלט-זיך ווי א באַנדאַזש אַרום א דורכגעשאָסענעם פוס.)
ס׳קילט אַן אָוונט-ווינטל, א צעשראָקנס.
רויטע טראָפּנס
שנירלען זיך און בריען וואונדן אויס אין שטיין.
און צעגעשאַרט
צום ראָג
ליגט א געשאָסענער און וואַרט . . .
ס׳בלוטיקט-מיט מיט אים דער זינקענדיקער טאָג . . .

אויפשטיין

דער וועקער גיט מיך א ריס פונם שלאָף,
מיט א וואנזיניק-בלעכענער גרילצעריי.
אינם פארבילמעטן פענצטער
ציט זיך דער מאָרגן פארביי.

נאָך פאַכען אין שלאָף מיינע אויגן,
אזויווי עלנטע לאָדנס אין ווינט.
אף יענער זייט וואנט צעוויינט זיך אין שלאָף
און שפינט ווייטער מיין חלום א הונגעריק קינד...

* * *

מיין אויג וואָלט זשליאָקען די קילע הויך,
כ׳וואָלט דערטרינקען אין ליכט מיינע גלידער;
כ׳וואָלט כאפּן א ווינטל ביים בלויען טשוב
און אַראָפּשלעפּן אין דער נידער ...

נאָר דער טאָג פאלט-אָן אף מיר,
אין צילט זיינע בלייענע שטיקער
גלייך אין מיין צאפּלדיק הארץ אריין —
ביז איך פאל, ווי שיכור ...

וואַנזעטי

איך פֿאָר, פֿאַרטאָג, פֿאַרדינגגען מײַנע גלידער.
די טראַם־באַן, דאַכט, וווערט פֿון א שד געיאָגט.
ס׳נודעט מיך דאָס ליד פֿון אירע רעדער.
אָט־אַזוי־אָ הויבט זיך אָן מײַן טאָג.

די טראַם־באַן איז געפּאַקט מיט ארבעט־שקלאַפֿן.
טייל מידע קעפּ אַף אקסלען באָמבלען־אום
ווי מאַריאָנעטן. פּונם נאָענטן האַפֿן
וועקט פֿון א שיף א וויינענדיק געברום.

אַף די פּנימער ליגט איינגעשניטן
פֿון נעכטן נאָך די נישט־פֿאַרוועפּטע מיד...
קומט פֿאַר א קלויסטער — רירט מען אָן דאָס היטל.
(ס׳איז פֿון געוווינשאַפֿט מער, ווי פֿון געפֿיל.)

דאָס האַרץ דער שטאָטס קלאַפּט האַסטיק אַף די גאַסן.
איר בלוט איז סאַמע אויל און גאַזאָלין.
אין מוח פון דער שטאָט — אַ שטענדיק בראַזגען.
אין פּולס — דאָס רודערן פון אַ מאַשין.

פּלוצים — זע נאָר... ס׳זיצט... ס׳זיצט וואַנזעטי!
(ס׳טוט אַ שניט אַ לאַנג-פאַרשטילטער ווייַ.)
איך קוק אַף אים און קען מיך גאָר נישט זעטן —
זיין האַלז, זיין נאָז און זיינע אויגן צוויי!

זיין שטערן, זיינע באַקן, זיינע ליפּן, —
די וואָנציעס דעקן-צו זיין ליפּן-פּאָר.
כ׳זאָל מיך נישט שעמען, וואָלט איך מיך צעכליפּעט
אָט-דאָ אין מיטן רעשיקן געפּאָר.

וואַנזעטי פּאָרט פאַרדינגגען ווו די גלידער.
זיין אַרבעטס-פּאַרטעך איז פון גרוי געוואַנט.
ער בויגט זיך איבער זיינע קני אַריבער
און האַלט אַ מיטיקס-קעסטל אין דער האַנט.

ער זעט נישט, אַז איך האָב זיך צוגעקליבן
גאָר נאָענט צו אים מיט שטילע, שטילע טריט...
ס׳דערמאָנט זיך: אווגוסט, ניינצן-צוואַנציק-זיבן — — — —
באָסטאָן — טויטן-קאַמער — און מער ניט...

ווער איז ער, אָט-דער שטילער האָרעפּאַשניק?
און ווייסט ער, וועגן וואָס איך טראַכט אַצינד?
דאָס האַרץ דער שטאָטס קלאַפּט האַסטיק אַף די גאַסן.
מיין האַרץ האָט זיך פאַרחלומט ווי אַ קינד...

גוט-מאָרגן, זון, א ליכטיקן גוט-מאָרגן:
אָט גיי איך צו דער ארבעט — זע, ווי כ׳שפּאַן.
ס׳איז אָנהויב טאָג, נו — זינגט אין מיר א יום-טוב,
כאָטש וואָס זיך פרייען איז דאָך נישט פאַראַן.

דער טאָג וועט אף מיר אָנהויבן באלד רייטן
און שטעכן מיט די שפּאָרן אין מיין ריפּ.
כ׳בין צוגעבונדן צו מיין בידנער פּראצע,
און פארקניפּט מיט פּיינען-פּולע קניפּ.

נאָר קומסט דאָך שטענדיק מיר געטריי אקעגן
אָנהויב טאָג, אז כ׳גיי אף ברויט-געיעג...
שטיינער-שפּיצן שטעכן און צעוווּנדיקן
די באָרוועסדיקע טריט פון מיינע טעג.

מיט וואָס זאָל איך דיך, ליבינקע, אנטפּאנגען?
נאַ, נעם דעם עפּל וואָס איך עס — ר׳איז דיין —
דאָס האָסטו דאָך אים באחנט אין רויטן
און אים אָנגעגאָסן מיט דיין ווײַן...

ליבערשט וואָלט איך איצט מיט דיר אוועקגיין
און מיין חלום אָנקליידן אין וואָר —
און זיך שפּיגלען אין דיין ליכטיק פּנים
און שמעקן דיינע גאָלדנדיקע האָר.

זאָלסט מיך ווידער אָנגיסן מיט פריידן
און ווידער מיר באחנען דאָס געזיכט —
ס׳טריפט אף מיר א גאנצן טאָג א לעמפּל
מיט א קרענקלעך-געל עלעקטרע-ליכט.

אוי, ווי ס׳האַרץ ווערט אין מיר אויפגעקוואָלן,
אז ס׳פאלט אמאָל א שטראל אף מיין מאשין —
איך ציטער איבער אים, ער זאָל נאָך בלייבן,
איך פלאטער אים ארום — א קראנקע בין...

בלייב, איך בעט דיך, זאָלן דיך נישט ארן
דאָס רעוועון פון די רעדער און דער האַסט —
איך וועל דיך באהאַלטן אין די זשמעניעס,
אָ, ליכטיקער, אָ לאנג-דערוואַרטער גאַסט...

איך וועל זיי נישט לאָזן דיך פארצוקן,
ווי זיי האָבן מיך פארצוקט שוין באלד...
איך בין א פארבלאָנדזעט הימלאָז לעמל
אין א וועלפישן מאשינען-וואלד ...

אז כ'קום צוריק ארויס פונם געמויער,
ליגט די שטאָט שוין אין פארנאכטן-נעץ...
צווישן מאָרגן מיינעם און דעם אָוונט
איז דער טאָג א גרויער אינטערמעץ...

דעמאָלט הוידעט זיך א טונקלער הימל
אין דער לופטן ווי א שטומער גלאָק.
כ'זע נאָר, ווי ס'שפיגלט זיך די שקיעה
אין די פענצטער פון א הויכן שטאָק.

גיסט מיר, איידער דו פארגייסט אינגאנצן,
אַ קוש די אויגן, ווישסט מיר אויס א טרער — — — —
אוי, ווי ס'ווילט זיך מיר נישט איצט אריינגיין
און א גאנצן טאָג נישט זען דיך מער...

נאָר לאָ'מיר זיך, מיין טייערע, צעקושן —
אָט איז שוין דער צען-שטאָקיקער קאָלאָס,
ווו איך בייט אויס דאָס גאָלד פון מיינע יאָרן
אף קופער-טשערעפּלעך, אף ווייס-איך-וואָס...

לאָ'מיר זיך געזעגענען, געטרייע.
קיינער ווייסט נישט, ווי ס'טוט מיר ווײ...
כ'על נאָך דיר בענקען ווי נאָך א געליבטער,
די פּלייצע איינגעבויגן ביים געניי...

אַ נייטאָרין

ס׳האָט זיך איר די נאַכט געחלומט,
אַז זי גלעט אַ געליבטנס קאָפּ
ביי זיך אין שויס...

ס׳האָט זיך איר די נאַכט געחלומט,
אַז זי האַלט אַף אירע קני.
אַ קינד, אַן עופעלע —
ס׳שמייכלט שוין און שטרעקט צו איר די הענטעלעך...

די מיידלעך זינגען ביי דער אַרבעט.
זי איינע איז שטיל.
די נאָדל פּלאָנטערט זיך צעווישן אירע פינגער,
ביז דער טאָג פאַרבליט,
נאָך איידער ער האָט אויפגעבליט אינגאַנצן...

אַפן וועג אַהיים
פאַלט אומעטיקע שיין פון דער פאַרגייענדיקער זון
אַף אירע האָר...

ס׳איז נאָך אַ רעגן,
די רינוועס וויינען...

און פאַר אַ בלומען-פענצטער בלייבט זי שטיין פאַרטראַכט:
פאַרוואָס איר גליק איז נאָענט נאָר אין חלום...

די זון פֿאַרגייט שוין ערגעץ

די זון פאַרגייט שוין ערגעץ
הינטער מויערן שטיין.
אין אַ הויכער שורה פענצטער
שפּיגלט זיך איר פֿאַרגיין.

די זון פאַרגייט שוין ערגעץ —
און כ׳האָב זי נאָך היינט נישט געזען.
כ׳ווייס נישט, צי דער טאָג איז א טריבער,
צי א ליכטיקער געווען.

איך פאַרריים דעם קאָפּ צו די הויכן —
דער הימל איז גרוי און פאַרטראַכט.
אויך היינט איז מיין טאָג געווען
א צעצויגענער פאַרנאַכט.

איך פאַרריים דעם קאָפּ צו די הויכן —
נאָך דער זונס כאָטש אַן איינציקן שטראַל.
אַרום פאַלט-צו די נאַכט,
שטיל, ווי שנייען-פאַל.

מ י י ן פ ר י י ד

דער וויטיק ברומט אין מיר
ווי הונגעריקע בערן.
נאָר מיין געוויין איז אַ שטילער —
קיינער זאָל אים נישט הערן.

צעוויגט זיך אין מיר דער טרויער
און וויל ארויס פון די ברעגן —
כוואַליעט ער צו צו די אויגן,
נאָר ער קען זיי נישט איבערדעקן . . .

פון מיר קלינגט נאָר אַמאָל ארויס,
אַזויווי א קינדעריש לאַכן, מיין פרייד.
זי צעפּראַלט אירע בלויע פליגל,
פלאַטערט-אויף א רגע און פאַרגייט . . .

א װעלט...

מײדלעך טראָגן עפּל אין די הענט און זינגען.
(קאַנאָנען־העלדזער גענעצן אױף מיר מיך צו פאַרשלינגען.)

אַ װעלט מיט זון־פאַרגאַנגען און מיט צװײט.
(ס'לױערט נאָך מיר עמעצער אױף שריט און טריט...)

אַ װעלט מיט פעלקער־גערטנער, מיט פאַלקלאָרן.
(ס'לאָקערט עמעצער נאָך מײנע אױפגעבליטע יאָרן.)

אַ װעלט מיט שאַפעס ספרים דורות־אַלטע.
(װוּ זאָל איך דיך, לעבן מײנס, באַהאַלטן?)

אַ װעלט מיט ליפּן־רױזן און מיט גלידער־לילן.
(דאָס האַרץ מײנס כליפּעט שװער און װיל גאָר
ניט אַנטשטילן . . .)

איך בין יונג און איך גיי אַפן לעבן
מיט אויסגעמאָסטענע טריט.
ס׳לויערן נאָך מיר נעצן,
נאָר פאַנגען לאָז איך מיך נִיט.

איך האָב נאָכנישט געטרונקען
דעם לעבנס רויטן ווײַן.
איך שמאַכט ווי אין אַ תּפיסה
נאָך דער זונס צעבלענדטער שײַן.

די ליכטיקייט די מידע
פון נאָכן זון־פאַרגאַנג,
דעם טאָגס אַ לעצטער שמייכל —
אָט־דאָס איז מײַן געפאַנג.

מײַן טאָג איז פאַרשפּונען אין שאָטנס,
מײַנע גלידער בלײַבן דערפון.
ווי צווײַגן ציִען זיך מײַנע הענט
צו דער זון, צו דער ליכטיקער זון.

איך האָב נאָכנישט געגעסן
דעם לעבנס האָניק־נים.
(מיר ווונדיקט אינם לײַב
אַ טיפער דאָרן־בים.)

די ווײַנפּערלעך פרייד פונם לעבן!
די זאַפטיקע עפּל גליקן!
כ׳וועל פון די הענט און קנעכל
צערײַסן, צעפּיצלען די שטריק.

אונטערן ליכטיקן הימל
הפקרט־אום דער רויב.
איך וועל מײַן האַלדז נישט שטרעקן
ווי אין שוחטס האַנט אַ טויב.

מיט ווונדערלעכע לענדער
איז די וועלט באַזייט,
מיט מינענדיקע ווייטן
באַשפּונען און באַשפּרייט.

וואָלט איך האָבן פליגל —
אַך, וואָלט איך געפלויגן!
ס׳האָט צו ווייטע פרעמדן
נאָך קינדהווייז מיך געצויגן.

איבער מיינע קינדער־יאָרן
הענגט אַ מוטנער הימל.
וויפל טרוימען זענען שוין
פון דעמאָלט איינגעדרימלט...

מאָדנע קרייצן זיך די וועגן
אין דער גרויסער שטאָט.
דער טויט מיט טויזנט אויגן
לויערט אַף איטלעכן טראָט.

איך בין נאָך וויט פון שטאַרבן.
איך שטיי אין סאַמע בלי
פון מיינע זיבן טרוימען.
איך כאַווע זיי מיט מי.

נאָר טאָמער וועט ~~הערבאָגן~~
~~דער טויט מיך~~ אין זיין שניט,
און מיט זיין קאָסע איבערשניידן
מיינע יאָרן אין דער מיט —

האָב איך אַ בקשה
צו אייך, אַ, גוטע פריינט.
(ס׳איז ניינצן־זעקס־און־דרייסיק,
צען טעג אין יוני היינט.)

אין אַן אָנהויב מאָרגן
— כ׳בין עס אפשר נישט ווערט —
טוט מיר, וואָס מ׳דאַרף דאָרט טון
און גיט מיך אַפּ צוריק דער ערד.

זאָל דער אָרקעסטער באַשטיין
פון צוויי — אַ פלייט מיט אַ פויק,
זאָל זיך נישט שפּיגלען אין מעש
דאָס ליכטיקע הימל-אויג...

זאָל זיך מיט אירע טרעלן
נישט שעמען די דינע פלייט...
און זאָל די פּויק זיך אירס טון
שטיל, נאָר פאַרעקשנטערהייט...

זינגט מיר נישט קיין טרויער-מאַרש,
נאָר שפּילט מיר „אאזעם טויט״.
כ׳האָב עס אין האַרציקע רגעם
שוין טייל פון אייך פאַרטרויט.

זאָל מען נאָך מיר נאָכזאָגן
נישט מער ווי ווערטער צוויי:
„ר׳איז מיט אונדז מיטגעגאַנגען,
נאָר קיינמאָל נישט אין ריי...״

זאָל מען נאָך מיר נאָכזאָגן
בלויז אַט-דעם האַלבן שבח.
פאַר וועמען דאָס איז ווינציק —
פאַר מיר איז עס אסך...

און נאָך די עטלעכע ווערטער
די אמתע אָט-די —
וועט זיך אַף מיין קבר
לעגן דער מאָרגן-פרי . . .

פון זיינע בלויע אויגן
וועט פאַלן טרער נאָך טרער
אַף מיין פאַרשניטן לעבן
אונטערן בערגל ערד...

פון זיינע בלויע אויגן
וועט פאַלן אַ היים געוויין
אַף מיין פאַרשניטן לעבן
אונטערן קבר-שטיין.

עפנט זיך, טויערן

עפנט זיך, טויערן, עפנט זיך אויף,
כ׳בין אַ וואָגלער פון דער פרעמד.
כ׳טראָג אַ גערשטן שטעקן אין האַנט,
און אַפן לייב — אַ געבעטלט העמד...

צוגעכוואַליעט מיך צו אייך
האָט דער שטורעם-פלאַקער.
ער האָט זיך טיף אַריינגעשניטן
אין מיין האַרץ און עס צעאַקערט.

כ׳וויל מער נישט לאָזן זיך מיטן ווינט
און אַף בעטל-ברויט זיך שפּייזן.
נאָך זומפּן-רויכן, וואָס ווארגן — ווי זיס
איז דער ריח פון שוויים און פון אייזן!

פונוואַנען איך קום איצט,מינען זיך טרוימען
ווי פוילעניש באַנאַכט, וואָס פאַרפירט.
דער שענדער מיטן בלענדער זענען
אין גילדענע טאָגעם איינגעצירט.

עפנט זיך, טויערן, עפנט זיך אויף,
כ׳בין אַ וואָגלער פון דער פרעמד.
כ׳טראָג אַ גערשטן שטעקן אין האַנט,
און אַפן לייב — אַ געבעטלט העמד...

9.1929

ערשטער שניי

אַ שניי! אַ שניי! דער ערשטער שניי!
אַ גליק האָט מיך געטראָפֿן!
(די שיך צעלעכערט און צעפליקט,
דער מאַנטל — אויסגעקראָכן.)

אין דער לופֿטן מילעכלעך
מאָלן גרייפּעלעך שניי.
(ס'איז מיר נאַס, אוי, אין די שיך
און אַן אויער טוט מיר וויי.)

אַף איטלעכן צווייגל — אַ קישעלע שניי,
אַ קוטשמע — אַף איטלעכן סלופּ.
אַ ריין־געוואַשן ציכעלע
שפּרייט זיך פֿאַר איטלעכער שטוב.

ווייסע פֿליטערלעך פֿאַלן,
אַזויווי פּוך פֿון אַ שוואַן.
(ס'שטעכן מיך די זייטן
ביי איטלעכן דריטן שפּאַן.)

אַ שניי! אַ שניי! דער ערשטער שניי!
אַ גליק האָט מיך געטראָפֿן!
די שיך צעלעכערט און צעפליקט,
דער מאַנטל — אויסגעקראָכן...

נ ו ־ י אָ

נו-יאָ, אז כ׳גיי-אום הונגעריק אין פּירות-פּולע גערטנער,
אף פעלדער, אָנגעלאָדענע מיט שאַרכנדיקן ברויט —
פּאַשעט זיך אַן אומעט אין מיינע אויגן, די פאַרטרערטע,
און ס׳ברענט אין מיר דער ווייטיק ווי אין אויל א קנויט.

נו-יאָ, אז איך אליין טאָר גאָרנישט־באַרירן,
(ווי דער פאַרצייטיקער אומגליקלעכער טאַנטאַל),
כאָטש איך אליין האָב אָנגעטאָן די לאַנען אין קאָלירן —
קוועלט אין מיר דער צאָרן ווי א קוואַל . . .

די גערטנער פרייכן אונטער זייער שווערער שפע,
מיט זאפטן אָנגעגאָסן פּלאַצט אין פעלד די זאַנג — — — —

איך הער אין פרילינג-שטורעם מיין געזאַנג,
און מיין צאָרן — אין די דונער-רייפן . . .

ווער דארף עס וויסן, וואָס ס׳טוט מיך וויי ?
איך בלאָנקע-אום אין א געוויכער שניי,
נאָר כ׳טראָג דאָס הארץ צעעפנט און צעשפּראליעט,
און שטענדיק גייט פון אים א ליבע-כוואליע.

מיין הארץ איז נישט קיין שארף-פארשניצטע פויסט;
מיין הארץ איז אָפן, ווי ביים ים א הויז:
ס׳פּאָרען זיך דאָרט דינע-דינע ווינטלעך
און ליכטיק איז אין אלע זיינע ווינקלען.

די פינצטער שמאַרצט מיין אויג,
אפילו אז ס׳ליגט אף מיר דער אומעט
ווי א חרובע ציגיינערישע בויד,
וואָס איז אין א פארפלייצונג אָנגעשווומען.

ס׳לעגט זיך ווי א שטיין
אף מיין ברעם דאָס מינדסטע טרויער-זעמדל,
ווי אף אן איידל בלימל פינגער-ציין,
ווי בלוט א פלעק אף א ווייסן קינדער-העמדל.

כ׳וואָלט וועלן ...

כ׳וואָלט וועלן, אז מיין ליד
זאָל שרייען און זאָל וועקן,
אַזיווי מ׳וועקט אן אנטדרימלטן
אין א וואלד, וואָס ברענט ביי די ברעגן . . .

און אז מיין ליד זאָל שאלן
ווי א געשייערטער טרומייט —
דער דערוואכטער זאָל זיך א ריס טון
און דערזען, אז א שריפה גייט . . .

און ווי א פאָן זאָל פלאטערן
מיין ליד, און ווייזן דעם וועג
דורך וואָרגנדיקע רויכן
צו ליכטיק-בלויע טעג . . .

הער זיך צו צו ראָזנפעלדס
און באָרושאָווערס געזאַנגען,
העפט זיך צו צו זיי, מיין ליד,
און פלאַטער נישט אוועק ...
פון זינט דו ביסט ווי א קאָרנבלימל
אין מיר אויפגעגאַנגען,
קוק איך אלץ אף דיר מיט ציטער,
קוק איך אלץ מיט שרעק . . .

צאפלסט אין מיר ווי א וואָג,
א וואָג פון פרייד און טרויער,
און ווונדיק ווי מיין בענקשאפט
ליגט אף דיין שאָל מיין וואָרט.
איידער דו וועסט גרייכן,
ליד מיינס, צו אן אויער —
רייס זיך נאָר נישט איבער
אפן דינסטן אָרט . . .

איך שטיי אין אָסיען-ווינטן —
א ביימל איינגעבויגן.
דו שפּילסט אין מיינע זאפּטן
און וואַרטסט אין מיר, מיין ליד . . .
אז ס׳וועלן קומען ווי די פרילינגס
פּאַנען אָנגעפליגען —
זאָלסטו נישט בינדן מיר די הענט,
נישט צאַמען מיר די טריט . . .

איך זע דיך, ליד מיינס, אין א וואלד
פון שטענדיקער סכנה:
דער וואָלף פון טרויער לויערט
אפן ציגעלע פון פרייד...
איך היט מיט אויגן ליכטיקע
און וואַכיקע ווי פּאָנען,
און אף דיין פּאַשע שטיי איך
אזויווי א פּאַסטוך שטייט.

מיר ווילט זיך נאָך דיך טראָגן
ווי לאָזונגען אף שטאַנגען,
מיר ווילט זיך דיך דערפירן
צו א זונענדיקן ברעג . . .
הער זיך צו צו ראָזנפעלדס
און באָוושאָוועדס געזאַנגען,
העפּט זיך צו צו זיי, מיין ליד,
און פלאַטער נישט אוועק . . .

ע ר נ ע ך . . .

ערגעץ טרעפט אצינד
אַ באַמבע א יונג מאסלינע-ביימל,
אַנגעטאָן אין ערשטע צוויטן, ווי אין א חופה-קלייד...
צי א טראַגעדיקע קו,
אינמיטן אן ערב-מאמע-מו ...

צי א פיצל קינד,
אינמיטן זיינע פלאפל-רייד ...

ערגעץ פאלט א זעלנער איצט אזויווי צו א תפילה,
אָבער נישט פאר גאָט,
נאָר פארן טויט ...

ווינטעלעך קילע
באפן-אויף זיין לעצטן אָטעם-ציטער ...
און ערגעץ אין א שטיינערענער שטאָט
בלאָנקעט-אום א מיידל — אין לבנה-פליטער ...

אף עדגאר אַנדרע׳ס טויט

פאַרבלוטיקטע טויען אפֿן זאמד,
וווּנדיקע טראָפּנס . . .
דער באגין קניט —
א ליכט, א שוואַרצס, דער ערד צו־קאָפּנס ...

א געשענדטער גוף, אין גרויל פאַרדרייט,
דער אָפּגעהאַקטער קאָפּ — אין שטויב.
דער חלום — איבערגעבראָכענע פליגל
פון א געטויטער טויב . . .

די זון האָט געשיקט איר ערשטן שטראַל —
איז ער צוריקגעקומען מיט א געוויין ...
האָט זיך די זון פאַרטונקלט,
און גענומען צוריק פאַרגיין.

דער הימל האָט צעעפֿנט די בלויע אויגן,
און זיי צוריק פאַרמאַכט — — —
איידער דער טאָג זאָל אַזוינס דערזען —
זאָל בעסער בלייבן נאַכט . . .

אַ שטערן פאַלט

שטערן-דימענטלעך פינטלען,
ווי זילבער-מאָן די גרויס.
ווו-נישט-ווו אַ שטערן
צאַפּלט און פאַלט און — אויס . . .

וועמעס שטערן ביסטו ?
וועמעס לעבן לעשט זיך איצט ?
צי ביסטו נאָר אַ חלום,
וואָס לעשט זיך און פארשווינדט ?

אַ לעבן צי אַ חלום —
וואָס איז דער אונטערשייד ?
וואָס טויג אַ מענטש זיין לעבן,
אַז זיין טרוים פארגייט? . . .

וועגן דעם מענטש

דער מענטש איז, נארעניו, די ווילדסטע היה,
און ער איז, פאָלג מיך, גאָרנישט גאָטס באשאַף.
דאָס האָט גאָר אָפּגעטאָן א לין, א טייוול:
דערטאַפּט, דער רוח ווייסט ווו, א פעסל צ״ו,
און אָנגעהויבן זשליאָקען, אין זיך גיסן,
ביז ס׳האָט זיין הארין דערשטיקט דער בראָנפן-ברען:
„איך וועל נאָך דער וועלט אמאָל באווייזן!
איך וועל נאָך באווייזן, וואָס איך קען!״

די מעשה פון בראשית, אדם, חוה —
דאָס האָט דער מענטש אליין אף זיך פארטראכט,
כדי די טייוול-מעשה צו פארדעקן;
נאָר ער, דער טייוול, האָט דערפון געלאכט.
וואָס ארט אים, זאָגט ער, דאָרטן בבא-מעשות —
אבי ר׳האָט, זאָגט ער, זיינס שוין אָפּגעטאָן.
דער מענטש וועט אומגיין עד סוף כל הדורות
אין פלייש — דאָס רשעות, א פארסמטער שפּאָן ...

ווייסט, צו־וואָס ער דאַרף דעם זונען־שטערן,
און צו־וואָס דעם הימלס ליכטיקייט? —
צו שמידן שווערדן, זיך צו קענען ניזוקן,
און פּענטן איינס דאָס אַנדערע — אַ קייט.
כּדי צו זען, ווי מער און בעסער שלעכטס טון —
אָט צו־וואָס ער דאַרף דעם ווייסן טאָג;
אַנדערש וואָלט אים נישט דער שלאָף באַקומען —
טרעפט אים דאָרטן, ווו ער איז, אַ קלאָג . . .

דעם פּינזל־פּיר פון זיבן צענדליק גאָיאַ׳ס,
און אפשר מערער נאָך — וואָלט מען באַדאַרפט,
צו פאַרצייכענען, ווי ער, לדורות —
דאָס, וואָס ס׳טוט דעם מענטשנס רשעות־שאַרף.
מיט באָמבעס רייסט ער אויף זיין שכנס שטיבל,
און פליקט־אויס אַ פּוס דער קו אין שטאַל,
און צעפּיצלט זיינע פּיצלעך קינדער —
און רעדט זיך דווקא שטילערהייט, אָן גאַל.
און לאַכט זיך אַ געלעכטערל אָף פּוטער,
און לייענט זיך אָן מיט בערג ליטעראַטור —
און רופט זיך אַנדערש נישט, נאָר האָמאָ סאַפּיענס,
און אַנדערש נישט, נאָר קרוין דער קרעאַטור.

דער מענטש האָט זיך אַ גאָט, אַ געץ באַשאַפן,
צו ווייזן — ר׳האָט אַ חוש פאַר טראַנסצענדענץ.
ער רופט אים מאַמאָן, גאָט פון אַלע געטער,
און טאַנצט אים הייסע, עקסאַלטירטע טענץ.
ווייל מאַמאָן פאָדערט מענטשן־העקאַטאָמבעס;
מולך פון אַמאָל איז געווען אַ שנעק;
וואָס פלעגט דען מולך עסן — פּיצלעך קינדער?
ביי מאַמאָנען האָט דאָס די ווערט אַ דרעק...

גרין, מיין קליין פארמעגן,
ווי א לאַנקע גרין.
זיי דעם רינד א פּאשע
און א בלום דער בין ...

און א בעכער טרייסטונג
דעם עלנטן טראַג-צו —
פּאָל אים אָן מיט גלויבן,
גיס אים אָן מיט רו.

גרין, מיין קליין פארמעגן,
מיין נבואה, בלי.
שפּיל-אויף, מיין פליט-געציטער,
ווי א שוואלב אין מאָרגן-פרי.

די לאַנקע פון מיין האָפענונג

איידע מאַזע׳ן

די ווייטע לאַנקע פון מיין האָפענונג
שפּרייט זיך אויס פאַר מיינע אויגן.
דער סאַמעט-גרינער בארג אינמיטן
וועט זיין שטאָלצן קאָפּ נישט בויגן ...

אויסגעצירקלט ליגט דער הימל
איבער דער ערד און די מענטשן-זאַנגען.
איך ציטער מיט די באַגינען-בלויען
און בלוטיק מיט די זון-פאַרגאַנגען ...

כ׳האָב מיר אַסך שוין פירגעחלומט,
און מיך גענאַרט אין מיינע טרוימען.
דערפאַר באַלייטן מיך טרויער-ווינטן
אַף די וועגן פון די לענדער-זוימען ...

כ׳רעד שטיל, אַזויווי אַלע געריכטע,
כאָטש ס׳יאָמערן אין מיר אַזויפיל פּיינען.
פון ערגעץ שטראַלט אין מיר אַ גלויבן
מיט די וואונדערלעכסטע שיינען . . .

ס׳שפּרייט זיך אויס — אַ גרינע לאַנקע —
מיין האָפענונג אַף גרויסע פריידן.
כ׳האָב געוועבט אַזויפיל טרוימען —
אַלע וועל איך זיי באַשיידן ...

פאַרצייכעניש

אַזוי־אָ

אין די שטילע נעכטן — 7
ס'איז מיר — 8
כ'בין א יונגער וואנדרערער — 9
ווער ס'וויל גאָלד און זילבער — 10
וואָס כ'האָב ליב — 11
פארמאָג — 12
אַליין ... — 13
דאָס וואָרט מיינס — 14
פון די צווייגן קאפּעט אָוונט — 15
נעם־אריין — 16
מיין ליד — 17
וואָלט איך זיין א פּאסטוך — 18
אז ווי צו מיינע יאָרן — 19
קי — 20

דאָרף

א גוט־מאָרגן אין דאָרף — 23
בוקאָווינער לאנדשאפט — 24
א דאָרף אין בוקאָווינע — 25
דאָס פויערל — 26
א שריפה אין דאָרף — 27
א פארנאכט אין דאָרף — 29
אָסיען־פעלדער — 30
אָסיען־פארנאַכט — 31
דורך דער לאָנקע א טייכל גייט — 32
לאסטשעט מיך א דוינעלע — 33
דוינע, דוינע, טייער ליד — 34
כ'האָב איר היינט א בריוו געשריבן — 37
ס'איז מיר ווינד און ס'איז מיר ווי — 38
אפןביימעלע א שוואַלב — 39

שטעטל

אפן געלעגער — 43
ערשטע שפּראָצן פון מיין ליד — 45
פרימאָרגן אין שטעטל — 46
מארק — 47
פארנאכט אין שטעטל — 49
א מעשה מיט אן אָפּלינקע — 50
דער שטערנצייילער — 52
זעלבסט־פּאָרטרעט פון א געוויסן יידישן דיכטער 53
הידושט זיך נישט — 54
זינגט דאָס פייגעלע טירילײ — 56
איך בין באשיידן צעיומטובט — 58

מאמע זון

מאָרגן־טוי — 61
די זון — 62
א זון מיט א רעגן — 63
שפּאַן איך מיר אזוי אוועק — 64
ערשטע זאַרעם אף די פעלדער — 65
שיין, טאקע זייער שיין — 66
דעמער — 67
אף א שפּיץ פון די קארפּאטן — 68
קארפּאטן־לאַנדשאַפט — 69
פארטאָג אין די בערג — 70
דריי־אייניקייט — 71
וואָס טויגן מיר פּאַלאַצן? — 72
דער טאָג איז א בעכער מיט זונען־וויין — 73
מאמע זון — 74

פרעמד

פּאזע שטילער סטעזשקע — 77
אפן זוים פונם טאָג — 78
איך גיי שטיל אדורכן לעבן — 79
ביי מיר אין בלוט — 80
אף פּראדלס טויט — 81
כ'וועל פּילגערן צו מיין מאמעס קבר — 82
דער עלנטער זינגט — 83
פון דער היים א שרייבן — 85
בלעטלעך פון טימאָטיי — 86
מיין בענקשאפט — 87
נו, פּלי זשע, פלי, מיין בריוועלע — 88
ביסט א טייער מיידל — 89
האלבע־נאַכט־באַלאדע — 90
חלומות — 91
צו־קאָפּנס דער שטיין פון מיין דאַליע — 92
פארנאכט — 93
די פארנאכטיקע הימלען — 95
וואָס וויל איך דען מער? — 96
ווען ? — 97
תפילה — 98
יידיש איז מיין מאמע — 110
שבת־באַלאדע — 101
א בריוועלע — 103
פון בריוו צו לייבקען — 104
נישט דאָרט איז מיין היים — 108

אין חושך

עפנט די טיר — 111
נאַכט, געטרייע מאמע — 112
ליבע־לידער שלומערן אין מיר — 113

א הונט האָט מיך דערזען און איז אַנטלאָפן — 114
איך ציטער — 117
וואַלפּורגיס־נאַכט — 118
געטאָ־וויזיע — 120
כ׳שטרעק־אויס צו דיר מיינע גלידער — 121
פאַרוואָס צעוויינט זיך מיין הארץ? — 122
ניטינקע, מיין האַרץ — 124
אַפן בארג־אַראָפּ פון מיין געמיט — 125
די נאַכט — 126
שטערן, שטערן... — 127
אין חושך האָט די וואָרצלען דער קאַיאַר — 128
שובי נפשי למנוחיכי — 129
גרינע בלעטער, ליפּע־צווייט — 130

אין וואלד

אָוונט אין וואלד — 133
תחילת נאכט — 134
מיט־זומער־נאכט — 135
א בעל־דרשן — 138
א יאַגדע — 139
עלפן — 140
וואָס האָסטו זיך, טייבעלע, אזוי — 142
א מוראשקע שלעפּערט־איין איר טעכטערל — 143
— 145
מאָרגן־גאָלד — 147
א טרעל — 148
א ווינטל האָט באנאַכט צעקעמט — 149
די זון וועקט מיט א קוש — 150

מיין גאַס

פון איבער יעדער טיר — 153
דאָ בליען נישט די קינדערלעך — 154
סיי ס׳איז פרילינג גרינגער — 155
די מאַמעס קינדלען דאָ — 156
די קעלערדיקע שטיבער — 157
דאָ רייסט־אַראָפּ — 158
ס׳טרעפט זיך אָפט — 159
פאַר מיין פענצטער — 160
אַ קאַטערינשטשיק — 161
טעג אזוינע — 162
דעמאָנסטראַציע — 164
אויפשטיין — 166
וואנזעטי — 167
גוט מאָרגן, זון — 169
א נייטאָרין — 171
די זון פארגייט שוין — 172
מיין פרייד — 173

א וועלט — 174
א פליט מיט א פויק — 175
עפנט זיך, טויערן — 178
ערשטער שניי — 179
נר־יאָ — 180
ווער דאַרף עס וויסן — 181
די פינצטער שמארצט מיין אויג — 182
כ'וואָלט וועלן — 183
מיין ליד, מיין דינס — 184
ערגעץ — 186
אף עדגאר אַנדרע'ס טויט — 187
א שטערן פאלט — 188
וועגן דעם מענטש — 189
גרין, מיין קליין פארמעגן — 191
די לאָנקע פון מיין האָפענונג — 192